STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06685

NEMIROV

Israel Goichberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. גויכבערג

נעמיראָוו

~ כראָניק ~

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

NEMIROV

Narrative Poem

By I. GOICHBERG

Copyright 1946
by
ISRAEL GOICHBERG
New York, N. Y.

Published by
Farlag Matones
22 E. 17th St., New York 3, N. Y.
200
Printed in U. S. A.

לזיכרון פון מיין פאָטער ע"ה

הש"ץ רב זאב בן יאָסי חזן

דער פּאָנאָגראַף

א.

וואו זענען איצט די אַלטע פּאָטאָגראַפיעס ליבע
פון חתן־כלה פּאָר מיט אויגן צאַרטע טריבע?
דער חתן — מיטן בוך, די כלה — מיט די בלומען,
וואוהין איז אָט דאָס ליבע פּאָר אַהינגעקומען?
וואו איז דער וואוילער יונג אין לאַקירטע שטיוועלעטן,
מיט קראַגן האַרט ווי בלעך, מיט גלאַנציקע מאַנזשעטן,
דער דאָן־זשואן פון שטעטל, דער חלום פון דער פריילן,
אין וועמען ער פלעגט שיסן זיינע ליבעס פיילן?
וואו איז דער פּאַנאַגראַף, וואָס פלעגט צום ערשטן שיפּען,
און נאָכדעם זיך פאַרגיין אין הייזעריקן כריפּען,
און שווער געווען צו וויסן אַקוראַט און קלאָר:
צי מעקען דאָס די שאָף, צי זינגט ראַזומניס כאָר?
וואו איז די אַלטע קינאָ מיט געבענטשטע סופן,
וואו מ׳האָט געקאָנט זיך רואיק איינדרימלען און שלאָפן,
און כראָפּען אין טעאַטער ווי ביי זיך אין בעט,
ווייל שווייגן פלעגט דאָס מויל און הענט האָבן גערעדט?

וואו זענען זיי אַצינד די אַלטע גוטע יאָרן?
פאַרשטויבטע ליגן זיי אויף בוידעם פון זיכרון.
לאָמיר־זשע אַקאָרשט אַ נעם טאָן אַן אַנטיקל,
אַרומפּראַשען דעם שטויב — עס געבן אַ צעוויקל,
און איינס און צוויי און דריי — אויף אייער שטוין און גאַף —
אַן אויפגעלעבטער שטייט דער אַלטער פאָנאָגראַף!

ב.

ס'איז בעמיראָוו אַ שטאָט צו גאָט און אויך צו לייטן,
און שמט אין גאָר דער וועלט נאָך פון כמעלניצקיס צייטן.
אַ שול הינטערן באַרג, און העט אין טאָל — אַ באָד,
און גראַף פּאָטאָצקי אַליין איז באַלעבאָס פון שטאָט.
ס'הייסט גראַף פּאָטאָצקי אליין איז, אמת, לאַנג שוין טויט —
נו, איז פאַרבליבן זיינס אַן אייניקל אַ מויד.
בויעט זי אַ מאַרק און פירט עלעקטרע איין,
איך זאָג אייך: איר זאָלט זען אַ ליכטיקייט, אַ שיין!
איר שטייט ביינאַכט אין דרויסן און מיינט ס'איז בייטאָג,
כאָטש פעדעמט איין אַ נאָדל, צי אַרבעט זיך אַ זאָק.
און ווייבער לויפן קוקן, און מענער גייען זען,
בשעת די „עסטער איטישקע" וועט געבן דאָס אַ ברען.
נאָר ניט אין יעדער געסל און ניט אין יעדער ליק
איז דאָס באַשערט געווען אַזאַ מין ליכטיק גליק.

פאַרבליבן זענען הינטערגעסלעך ליקן נאָך עדין
מיט פינצטערניש געדיכט און שוואַרץ ווי חושך פון מצרים.
און ס'איז נישט מער ווי יושר, און ס'איז נישט מער ווי רעכט;
די ציגן דאַרפן אויך אַן אָרט צו שלאָפן דורך די נעכט.
און ציגן האָבן ניט געפעלט — וואָס קאָסט אַ ציג צו כאָוועז?
וואָס ווייסט אַ ציג דעם אונטערשיד פון קלייען ביז פּאַלאָווע?
און פאַר אַ נויט — קאַרטאָפליע שאָלעכץ, צי טרוקן ברויט אַ שטיקל.
און אַז סע לאָזט זיך, קייט מען גאָר די נאַסע וועש פון שטריקל.
און בעסטע שכנים קריגן זיך: — געהערט אַזאַ מין זאַך!
אַ ייד זאָל האָדעווען אַ ציג מיט שטרוי פון יענעמס דאַך!

אַזוי האָבן געלעבט ביי אונדז — ווער ערגער און ווער בעסער —
די יידן פון מיין שטעטל — די נעמיראָווער פּרעסער.
די נעמיראָווער פּרעסער — אַזוי האָט מען געזאָגט,
כאָטש זעלטן האָט אַ יידיש הויז אויף שבת ווען פאַרמאָגט.
איך בעט אייך, נו, פון וואַנען טאַקע זאָל מען דאָס פאַרמאָגן ?
פון גראָשנדיקן קרעמל, צי פון אַ טאָפּ אין וואָגן ?
צי אפשר גאָר, איך ווייס — משוגע מיינע שונאים —
זיך נעמען צו מלאכה — פאַרשוואַרצן זיך דאָס פּנים ?
אַזוי געפאַלן זענען נאָך ניט נעמיראָווער פּני.
ווי נעמט זיך דאָס אַ טאַטנס קינד צו שניידערשן געניי ?
ווי קומט אַ ייד אַ באַלעבאָס צו זיין אַ שוסטערוק ?
אַ קאָפּיטע אין האַנט — פאַסט לייבקע פּילישטשוק.
ס'איז אמת, אַז אויך לייבקע האָט קיין האָניק ניט געלעקט,
נאָר גאָרנישט, כ'ווייס ? אַהין, אַהער — אויף שבת האָט געקלעקט.

ג.

פונקט ווי יעדער איינגעוואָרצלט־יידישע קהילה
פאַרמאָגט אַ רב, אַ שוחט, אַ כשרן בעל־תפילה,
אַן אייגענעם משוגענעם — פאַר שטאָטישער הנאה —
אַזוי פאַרמאָגט אַ יעדער שטאָט אַ ווילדן בעל־המצאה.
אַ ייד וואָס פלאַדיעט איינפאַלן — צו פופציק אַ מינוט,
און עצות שיטן זיך ביי אים פון אַרבל אויפן פוד.
און ווילט איר, קאָן ער אייך דערציילן, וואָס טוט זיך אין עק וועלט,
און ווילט איר, מאַכט ער אייך אַ חשבון מכוח ראָטשילדס געלט.
אַזאַ פאַרשוין — וואָס קאָן ער ניט — אַ בקי און אַ ווייסער,
כאָטש נעם אים באַלד און מאַך אים פאַר אַ יועץ ביי דעם קייסער.
אַזאַ מין יידל האָט געוואוינט ביי אונדז — אויף אונדזער געסל —
אַ קליינס, אַ רויטס, אַ רירעוודיקס, אַ בייכיקס ווי אַ פעסל.
און רופן האָט מען עס גערופן — ניסל מיט די פלענער.
וואָס? געפעלט אייך ניט מיין העלד און רודאָלף קלינגט אייך שענער?
הכלל, דער ייד האָט געהאַט אַ קאָפּ — וואונדער איבער וואונדער!
נאָר שכל בלייבט זיך שכל — און דאָס מזל ליגט באַזונדער . . .

פון וואַנען האָט אַ ייד געלעבט? פון וואַנען? שווער צו זאָגן,
כאָטש ניסל איז ניט אַזאַ מענטש, וואָס האָט זיך ליב צו קלאָגן,
נאָר פענצטער האָבן אויערן און טירן ריידן לשון,
און איז געקומען ערב שבת — איז ניט געווען קיין גראָשן.
און ניסלס יידענע פלעגט טענהן: ליבער גאָט, געטרייער,
ווען יעדער פלאַן פון זיינע פלענער וואָלט כאָטש געבראַכט אַ דרייער!

ד.

אויף אַלצדינג קומט אַ צייט ווייזט אויס — דער עיקר איז בטחון,
אַ ביישפּיל קאָנט איר נעמען זיך פון ניסל אונדזער שכן.
ס'האָט ניסלס ווייב אַ ברודערל — אַן איציקל כל־בו,
און אַז מע גיט אַ מענטש אַ נאָמען — מסתם איז דאָס אַזוי . . .
האָט אָט דאָס איציקל כל־בו — פון סאַמע העלער הויט —
גענומען און פאַרכליאָפּעט זיך אין לייבקע שוסטערס מויד!
עס גייט דאָס שטעטל כאַדאָראַם, די מאַמע וויינט און קלאָגט,
און איציק האָט געכאַפּט די מויד, דעם פּסוק אָפּגעזאָגט,
פאַרגעסן אָן דעם זיי־געזונט, פאַרגעסן אָן דער מאַמען,
אוןביידע זיך אַוועקגעלאָזט אַריבער זיבן ימען.
געקומען קיין אַמעריקע — אין לאַנד פון מילך און האָניק,
וואו מענטשן עסן איינגעמאַכץ מיט אַ גילדענעם פּאָלאָניק.
געקומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט ווי אַן אייזל —
„נאָר איצטער", שרייבט ער, „איז מיר גוט, מיין ליבע שוועסטער רייזל,
איך אַרבעט און עס גייט מיר וואויל איעדער וואָך אַלץ בעסער,
ביי דאַמסקע קליידער בין איך איצט אַ פּערוואָקלאסנע פּרעסער.

און, ליבער שוואָגער ניסל מיינער, אָט דאָ ביי אונדז אין לאַנד,
דאָ זענען אַלע מענטשן גלייך, און אַרבעט איז קיין שאַנד.
דאָ אַרבעט יעדער איינציקער, וואָס האָט נאָר אַ פּאָר הענט,
אָט היינט קאָנסטו אַ פּרעסער זיין — און מאָרגן פּרעזידענט.
אַזוי, אַזוי, מיין ליבער שוואָגער, ס'איז אַ לאַנד פון וואונדער,
ס'איז דען מעגלעך צו באַשרייבן יעדער זאַך באַזונדער?
אָט האָט אַ בעל־המצאה דאָ (דו וואָלסט זיך פאַרגעשטעלט?)
געמאַכט אַזאַ מין קעסטעלע, וואָס ס'קלינגט דערמיט אַ וועלט!
דו רעדסט אַריין אין קעסטעלע, צי זינגסט אַ לידל גאָר —
און באַלד — סע רעדט און זינגט דיר נאָך — ס'זאָל פעלן דאָס אַ האָר.
נאָר האָדיע, וואָס איז שייך דען אַמעריקע צו לויבן —
די נעמיראָווער גרויסע לייט וועלן סיי ווי סיי ניט גלויבן"...

ח.

פאַר ניסלען איז געווען געגוג — זיין דמיון איז אין פייער:
ניין, נישט קיין קעסטעלע איז דאָס — אַן אוצר, גאָט געטרייער!
מע רעדט אריין, און ס׳רעדט אַרויס — אַ קליינינקייט צו זאָגן,
ווען ער זאָל זיין דער גליקלעכער דאָס קעסטל צו פאַרמאָגן.
מע וואָלט געלאָפן — קינד און קייט, מע וואָלט אויף קעפּ געשטאַנען,
און ניסל וואָלט געשעפּט פּרנסה מיט עמער און מיט קאַנען.
אפילו פּריצים וואָלטן דאָך געקומען הערן, גאַפן,
און ער, בכבודו ובעצמו, האָט איבער דעם צו שאַפן.
ווילסט הערן, ברודער, נעם באַצאָל — אַ זעקסער צי אַ צענער,
און זאָלן לאַכן די חכמים פון ניסלען מיט די פּלענער!
אויף מאָרגן, שוין, די גאַנצע שטאָט זי רודערט און זי וויגט זיך,
און יידן מאַכן מיט די הענט, מע טענהט און מע קריגט זיך.
און איינער שרייט: סע קען ניט זיין! — ס׳איז שקר, פּוסטע קלאַנגען!
אַ קול איז נישט קיין פייגעלע מע זאָל עס קאָנען פאַנגען.
דער צווייטער לאַכט: איז נישט קיין פויגל — איז וואָס זשע? איז דעריבער?
למשל, נעם אַ ווידערקול — נו, חזרט עס ניט איבער?
אַ ווידערקול אַ שמידערקול! — צו אַלדי גוטע יאָר,
דיין קעסטל וועט באַקומען לשון, ווען דאָ וועט וואַקסן האָר . . .
בקיצור, יידן קריגן זיך — מע טרייסלט באָרד און פּיאות,
ווייל וואו עס זיצן צוועלף יידן — טרעפט איר צוועלף דעות.

ו.

אַז ניסל נעמט זיך פאַר אַ זאַך — איז ניט קיין שפּאַס געטריבן:
געגומען טינט און פעדער און געזעצט זיך און געשריבן.
אַ בריוול קיין אַמעריקע — אַ בריוול קומט צוריק,
און ניסל — ער צעגייט זיך און ער שמעלצט זיך אַזש פאַר גליק.
דער שוואָגער זיינער, איציקל — ער שרייבט אים שוואַרץ אויף ווייס:
ער שיקט אים באַלד דאָס קעסטעלע! — געפעלט אייך אַזאַ נייס?
וואָס אַ כל־בוניק קען! נו, זאָגט: מעג נעמיראָוו ניט פּלאַצן?
אַ יידישע נשמה, זאָגט מען, איז גאַרניט אָפּצושאַצן...
און ניסל ברענט פון אומגעדולד און קוקט זיך אויס די אויגן,
ווען ער זאָל קאָנען, וואָלט ער קיין אַמעריקע געפלויגן.
לויפט יעדן טאָג אין פּאָטשט אַריין זיך פרעגן אויפן ענין,
פאַרפעלט חלילה נישט אַ טאָג — ווי אַ פרומער ייד אַ מנין.
און שכנים — גלייך ס'איז זייער עסק — וויצלען זיך און שמוכען:
געקומען שוין דאָס קעסטעלע? צי מע דאַרף עס פאָרן זוכן? . . .

נאָר אַז מע וואַרט, דערוואַרט מען זיך — און אין אַ פּראָסטן מאָנטיק
האָט ניסל פון דער פּאָטשט געבראַכט זיין טייערן מאַיאָנטעק:
אַ פּעקל מיט אַ בריוול, וואָס דערקלערט אייך באריכות
די גאַנצע מאַשינעריע פונעם קעסטל מיט זיין יחוס.
און ניסל פּטרט ניט קיין צייט — צעפּאַקעוועט דאָס פּעקל.
צעקייט דעם בריוו ווי ס'דאַרף צו זיין, זיך אויסגעטאָן דאָס רעקל,
און ניסל שרויפּט און פּאָרקעט זיך מיט רעדעלעך אַזוינע,
מיט פּערצן גומי־קישקעלעך, מיט קריגעלעך מיט ברוינע.
און ניסל שוויצט און האָרעוועט און זעצט זיך ניט אַנידער,
און קוועלט און שמייכלט אין דער באָרד: אָט דאָס וועט זינגען לידער!
מע זינגט אַריין און ס'זינגט אַרויס — דערימעך מוז מען דרינגען.
סע מוז דאָך זיין אַן עמעצער, וואָס זאָל צום ערשטן זינגען.
און ניסל האָט זיך אָנגעשפּאַרט און האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן:
די זאַך איז ניט קיין פּשוטע — מע מוז זי גוט באַקלערן . . .

ז.

ווער דאַרף עס די טריאַטערס דאָרט — די קאָמעדיאַנטסקע זאַלן ?
זעט איר — אויף אַ חזן גראָד איז נעמיראָוו אַ בעלן.
צי נעמיראָוו פאַרשטייט נגינה ? ווייס איך, סאַראַ שאלה !
דערלאַנגט זיי נאָר אַ מזמורל, אַ וואַלעכל, אַ יעלה,
צי זאָל זיך נאָר אַ יינגעלע צעטרעלן „כבקרת״ —
צעשמאָלצן ממש ווערן זיי — פאַרגעסן אַלע צרות.
די גרעסטע בעלי־מנגנים און די סאַמע זיסטע העלדזער
האָט נעמיראָוו שוין אויסגעהערט — אפילו ניסי בעלדזער !
איצט האָבן זיי אַ חזן — אַ וועלוול בעסעראַבער —
אַ קוואַל פון אמתער מתיקות — אַ מעין המתגבר.
אַ חזן בן חזנים שוין פון דורות און פון תמיד,
זיין פאָטער — אַ בן שמונים שוין — און דאַוונט נאָך ביים עמוד.
בקיצור, אונדזער חזן מיט זיין קרעכץ און זיין געוויין
דערלאַנגט צום סאַמע האַרצן און קאָן רירן אַזש אַ שטיין . . .
דעריבער איז קיין חידוש ניט, קיין וואונדער ניט, פאַרשטייט זיך,
וואָס ניסל האָט פאַרטראַכט זיך און דערטראַכט זיך און דערפרייט זיך :
דער חזן מיטן קעסטעלע! — וואָס קאָן נאָך זיין דען בעסער?
איי, וועט דאָס אַ מאכל זיין פאַר נעמיראָווער פרעסער !

ח.

געקומען חודש אלול און ביים חזן איז איצט פריילעך:
רב וועלוול לופטערט אויס זיין פּאַראַיאָריקן „המלך".
און צוועלף שטיק משוררים — די אמתע קאפעליע —
זיי קנאַקן אויס אַ מזמורל, אַז ס'הייבט זיך אזש די סטעליע.
עס עפנט זיך די פעדער־טיר און ניסל פּאַלט אַריינעט,
נישט צוגעמאַכט די טיר נאָך — און ער רעדט שוין און ער טענהט:
גוט מאָרגן, חזן, איך האָב מורא ס'וועט אייך אויסזען קשה:
וואָס טוט דאָ ניסל? — איז דער תירוץ — אַ שטיקעלע בקשה.
שרעקט זיך ניט, כ'בין ניט געקומען מאַכן קיין הלוואה,
וואָס־זשע פאָרט וויל ניסל האָבן? — הערט און האָט הנאה . . .
איר זעט דאָס קליינע קעסטעלע — די דאָזיקע מאַשינקע?
דאַכט זיך וואָס? אַ קריגעלע, אַ רעדל, אַ ספּרוזשינקע,
דאָך קומט עס פון אַמעריקע און איז דער גרעסטער פּלא:
איר זינגט אַריין און ס'זינגט אייך נאָך — אָט פונקט ווי אייער כלי.
און רעדט זיך פון אַריינזינגען, איז וואָס איז דאָ צו ברייען?
דאָס מיינט מען דאָך ניט ניסלען מיט זיין שטימע פון אַ שלייען,
און וויל מען, אַז דאָס זמרל זאָל האָבן אַ שטיקל פּנים,
פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיינט מען אייך, דעם חזן פון חזנים . . .

רב װעלװל גיט אַ גלעט די באָרד און ענטפֿערט מיט אַ שמייכל:
ראשית, מוז איך מודה זיין פֿאַרשטיי איך ניט דעם שכל,
צו זאָגן אייך די ריכטיקייט: עס גלייבט זיך ניט אפֿילו,
אַז עפּעס אַ מין קעסטעלע זאָל װערן אַ בעל־תּפֿילה.
נאָר כ׳װייס, איר זענט געקומען שוין, איז לאָמיר אויספּרובירן,
נאָך אַלעמען — װי זאָגט אַ ייד — װאָס קאָן מען דאָ פֿאַרלירן?
און אונדזער ניסל ענטפֿערט ניט — אָט באַלד װעט ער זיי װייזן
דעם כּוח פֿון די שרייפֿעלעך און רעדעלעך פֿון אייזן.
דאָס קעסטל אויפֿן טיש ארויף, די קאָרבע אָנגעדרייט,
אַרויפֿגעטאָן אַ קריגעלע — און די מאַשינקע גייט.
רב װעלװל גיט זיך שטעל מיט אַ ברען און מיט אַ פֿלאַקער,
און ס׳גיסט זיך װי אַ האָניק אונדזער חזנס „הבן יקיר״.
עס גליטשט זיך װי אויף פּוטער און די שטימע — װי פּאָלירט,
נאָר איין מאָל בלויז אַ הוסט געטאָן — און װייטער װי געשמירט.
געענדיקט „הבן יקיר״ און זיין קול הערט אויף צו פֿליסן,
איצט רעדט ער אין דעם קעסטעלע און לאָזט די יידן װיסן,
אַז דעם דאָזיקן „בן יקיר״ האָט געזונגען זיין מחבר —
דער נעמיראָװער שטאָט־חזן — רב װעלװל בעסעראַבער.

פאַר אונדזער ניסלען קומט אַצינד די רגע פון נצחון —
אויף דער מינוט האָט ער געהאָפט נישט טעג, נאָר לאַנגע וואָכן . . .
און ניסל דרייט צום צווייטן מאָל די קאָרבע און באַפעלט:
אַצינד — די גומי קישקעלעך — צום אויער צוגעשטעלט,
נעמט איטלעכער צוויי קישקעלעך — פאַר יעדער אויער איינס,
און זיצט און שווייגט און הערט זיך צו — אַצינדער קומט אַ שיינס!
און פּלוצלונג האָט דאָס קעסטעלע — איר וועט נישט גלייבן קיינער —
געעפנט מויל און זיך צעלאָזט — רב וועלוול מיט די ביינער.
פון סאַמע מיט פון קעסטעלע עס גיסט זיך „הבן יקיר",
איך זאָג אייך: מיטן זעלבן ברען און מיטן זעלבן פלאַקער.
וואָס דאַרפט איר מער? איר מעגט מיר גלייבן, איך שווער אייך ביי מיין לעבן:
עס האָט אפילו נישט פאַרגעסן דעם חזנס הוסט צו געבן!
און ניסל שטייט אַ טויטער און אים ציטערן די הענט,
און רב וועלוול זיצט אַ בלאַסער: ער האָט זיך אליין דערקענט . . .
די משוררים — פאַרסטאַרטשעטע, פאַרגליווערטע פון שרעק,
און די חזנטע איז אויסער זיך — אַט חלשט זי אַוועק.
וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן, איז גאָרניט צו באַשרייבן,
די מעשה וועט אויף יאָרן לאַנג אין מיין זיכרון בלייבן.

בלאָטעס

א.

זכרונות פון מיין קינדהייט, טיפער, איינגעקריצטער
דורך צייט און שטח קומט איר צו מיר איצטער.
ווי אויף מיין דאָלאָניע קלאָר און אומפאַרגעסלעך
ליגן זיי פאַר מיר די נעמיראָווער געסלעך.

כ׳זע דעם ברייטן „קלאָץ״ — דעם צענטער פון יאַרידן,
זון פאַרברוינטע גוים, אויסגעבלייכטע יידן,
וועגעלעך מיט רעטשקע, פורן פול מיט גארבן,
שיקסעס אויסגעפוצט אין זינגענדיקע פאַרבן,
סטענגעס פילקאָלירטע — אַזש דאָס אויג טוט קוועלן,
איבער הויכע בוזעמס — רויטע שניר קארעלן.
און באַקומען קאָנט איר, וואָס אַ האַרץ טוט גארן:
פשעניטשקעס געקאָכט אין גרויסע סאמאָווארן,
מולטערס פול מיט אויבסט און וויינשל — פולע קאַנען,
קאווענעס און דיניעס — פריש פון די באַשטאַנען.
גאָרנישט האָט געפעלט ביי אונדז אויף די יאַרידן —
בלויז דער גראָשן אָפט ביי די פאָדאָלער יידן.

כ׳זע אים דעם פּאָדאָל — דעם באַרג־אַראָפּ פון שטעטל,
וואו מע האָט געלעבט ווי אין אַ סדומער בעטל.
לאַנגע שמאָלע ליקן, ענג און אויסגעבויגן,
דעכלעך אָנגערוקט ווי היטלען איבער אויגן,
שטיבלעך — העכער האַלב אין דר׳ערד אַריינגעזונקען,
און אין אָסיען־טעג אין בלאָטע איינגעטונקען.
אַוודאי האָט די שטאָט פאַרמאָגט צוויי שפּיגל־גאַסן,
וואָס האָבן אויסגעזען ווי ייִדענע לאַמפּאַסן
אויף אַלטע הויזן צוויי פאַרטשאָבעט מיט אַ לאַטע,
און אויסגעריבן ווי אַ קאָפּ אַ פליכעוואַטע.
די ערשטע איז געווען פון פאָרנט פון קאָסטיאָל —
אַן אויסגעפּוצטע גאַס מיט ביימער אָן אַ צאָל.
נישט איינמאָל האָבן זיך דעם אָרגלס טיפע קלאַנגען
געפּרואווט אַ ייִדיש אויער אויפן וועג צו פאַנגען.
נאָר ייִדן פלעגן דאָרט פאַרבייגיין בחפזון,
און קיינמאָל נישט פאַרגעסן הינטער זיך צו לאָזן
אַ „שקץ תשקצנו״ אויף דער שוואַרצער טומאה —
„אַ פּרעפּלעניש אויף זיי — אַ פינצטערע מהומה״ . . .

נאָר גאָר די שענסטע גאַס פון נעמיראָווער גאַסן
איז יענע, וואו עס שטייט די שקאָלע מיט די קלאַסן —
גימנאַזיע רופט מען עס, און שקצים אין מונדירן,
צי אפשר יידן אויכעט, גייען דאָרט שטודירן.
איז דאָס געווען אַ גאַס — אַ רחבות און אַ ריינקייט —
איך ווייס נישט צי אַדעס פאַרמאָגט אַזאַ מין שיינקייט.
און שבת נאָכן טשאָלנט, פון שלאָפן אויסגערוטע,
זיך אָפּגעקוויקט דאָס האַרץ מיט קיסליצעס מיט גוטע,
פלעגן יידן אָנטאָן די זיידענע קאַשקעטלעך,
די ווייבער — די פאַטשיילעס, די וויבלעך — די בארעטלעך,
די כלות מיט די זאַנטיקלעך און שטרויענע „פאַנטאַזיעס״,
און זיך אַרויסגעלאָזט אַזש העט ביז דער גימנאַזיע.
בקיצור, זאָלן יידן זיך אַביסעלע שפּאַצירן,
און איר, זייט מוחל, קומט מיט מיר, איך וועל אייך איצטער פירן
אין געסל פון מיין ערשטער פרייד און פון מיין ערשטן צער.
דאָס געסל האָט געצויגן זיך פון מאַרק אַזש ביזן יאַר —

אַ טאָל אַזאַ, וואָס האָט געבראַכט דעם שטעטל גרויסע נוצן:
געדינט ווי אַ באַגרעבעניש פאַר מיסטן און פאַר שמוצן.
איך מיין נישט מיסט פון שטיבער, צי פּאָמויניצעס געדיכטע —
דאָס גיסט מען סתּם פון טיר אַרויס — און פטור אַ געשיכטע.
איך מיין דאָס מיסט פון קראָמען און דעם אָפּפאַל פון די שטאַלן,
דאָס אַלעס איז מיט האַק און פאַק אין יאַר אַריינגעפאַלן.
קיין חידוש ניט, פאַרשטייט זיך, וואָס מיר, חברהלייט פון חדר,
פלעגן דאָרטן איבערליגן, נישטערן כסדר.

דאָס געסל אונדזערס — לאַנג און שמאָל מיט שטרוי־געדעקטע דעכער,
נאָר דאָ און דאָרט אַ שינדל־דאַך מיט לאַטעס און מיט לעכער.
אוודאי נישט קיין שפּיגל־גאַס — נאָר שיינקייט איז נישט אַלעס,
דערפאַר האָט אונדזער גאַס געשמט מיט סאמאראָדנע דלות.
אפילו יאָ געווען אַ ייד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין חובות,
מסתּם ווייל מ'האָט אים נישט געבאָרגט — איך מיין דאָס אלטער־טויוועס.
און לצים, פּוסט און פּאַסניקעס — אַ רוח אין זייער מאַמען —
זיי האָבן אונדזער אלטערן באַזונגען אַזש אין גראַמען:

„ביי אַלטער־טויִוועס אין פֿאַבריק אַרבעט מען זשילעטן,
מע גיט אַ קלונג מיטן גלעקל — ברענגט מען די קאָטלעטן.״
נאָר לצים בלייבן לצים — נישט געהאַט פֿון וואָס צו שפּעטן,
אַז אָך און וויי אַזאַ פֿאַבריק, אַזעלכע קאָטלעטן.

ב.

געקומען אָסיען איז די גאַס געוואָרן הוילע גריבער,
און בלאָטע ביזן האַלדז אַריין, כאָטש נעמט און שווימט אַריבער.
איר מיינט מסתם, אַז ביי דער זייט איז כאָטש אַ פוס צו שטעלן?
איז, זייט־זשע מוחל, קריכט נישט בעסער, מער וועט אייך ניט פעלן.
פאַרפלייצט דאָס געסל ביז די ברעגן ווי אַ קידוש־בעכער,
נישט צו גיין און נישט צו קומען — סיידן אויף די דעכער.
איז אָבער דאָ אַ גרויסער גאָט, איז וואָס־זשע טוט ער טאַקע?
איז שיקט ער די רפואה צו נאָך איידער ס׳קומט די מכה.

ג.

צו האָבן בורישאַק דעם סטאָליער לעבן זיך אין שכנות,
איז טאַקע נאָר אַ מזל — בנאמנות, אַז איך מיין עס.
אַ פּאָר ידים גאָלדענע — צוויי אמתע אַנטיקן.
אַזוינער וואָלט ביי לייטן דאָך געבויעט גאַנצע בריקן.
און אַז ער נעמט זיך פאַר אַן עסק — מוז עס ביי אים ווערן,
און האָט ער נאָר פאַרטראַכט אַ זאַך — איז מעג די וועלט זיך קערן.
און וואָס האָט ער דען נישט געמאַכט: פון טירן און פון פענצטער,
און פון קראָקוועס און פון גאַניקעס ביז סאַמע זאַך דער קלענסטער:
שטייגן פאַר די הינער און טאַפּטשאַנעס פאַר די קיכן,
און גוטע שטאַרקע לייטערס אויף די בוידעמער צו קריכן.
בקיצור, איר זאָלט אויספאָרן די שטעטלעך די פּאָדאָליער,
געפינט איר נישט קיין פּאָר צו אים — צו בורישאַק דעם סטאָליער.

ד.

געווען אַ פריער ווערסנע־טאָג, די זון האָט ליב געוואַרעמט,
עס האָט זיך אַ מאַרצאָווע ווינט אויף אונדזער גאַס דערבאַרעמט,
געהאַרטעוועט די בלאָטע, און אויף סטעזשקעלעך אויף ווייכע
אַרומגעלאָפן זענען קינדער באָרוועסע און בלייכע,
געשפּרונגען און געפרייט זיך מיטן ליבן גאַסט דעם שיינעם.
אַ האַלבער מנין יידן האָט פאַרקליבן זיך אין איינעם
אויף אַ זוניקן פּידאַשעק און געקוויקט זיך די נשמות,
און געקלאָגט זיך אויף דער בלאָטע, וואָס זי קריכט אין די עצמות.
געטענהט, אַז ס'איז העכסטע צייט מע זאָל די זאַך באַקלערן,
און טאַקע אויף אַן אמתן פון בלאָטע פּטור ווערן.
און איינער האָט נישט אויפגעהערט צו היצן זיך און כעסן:
„איך זאָג אייך, בורישאָק, אַז איר זענט ווערט מען זאָל אייך שמייסן;
אַזוינע צוויי ידים און אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער —
און נישט קאָנען אונדז באַפרייען פון דער בלאָטע פון דער וויסטער."
נאָר בורישאָק דער סטאָליער האָט אַרויפגערוקט דאָס היטל,
און געענטפערט מיט אַ קשיה און געענטפערט מיט אַ ביטול:

ווער זאָגט עס, אַז מע קאָן נישט? און צו וואָס דאָס גאַנצע שפּאַרן?
צי ווייסט איר, וואָס סע מיינט אַזוינס ביי לייטן טראָטוארן?
דערלאַנגט מיר נאָר די ברעטער, אַ פּאָר קלעצלעך און אַ דרענגל,
און איך נעם זיך פּאַר דער אַרבעט און איך מאַך אַזאַ מין גענגל,
אַז ממש אין די שטעקשיך וועט איר קאָנען דאָרט שפּאַצירן,
און אפילו די פּיאַטעס פון די זאָקן נישט פאַרשמירן.
וואָס שייך דעם געהילץ דערצו — איז קהל נישט בדלות,
און אַז דער עולם וועט נאָר וועלן — וועט שוין ווערן אַלעס.

ה.

אויף מאָרגן טאַקע גאַנץ קאַיאָר האָט שוין די גאַס געקלונגען,
דער הובל האָט געהובלעוועט, די זעג האָט זיך צעזונגען,
און בורישאָק דער מייסטער, דער געבענטשטער פון גאָטס חסד,
האָט געמאָסטן און געצייכנט און געהאַמערט און געטעסעט.
און קליינוואַרג האָט געקוואָלן און געשפּרונגען ווי די ציגן,
און געקראָכן וואו מע דאַרף זיי נישט אַזוי ווי זלידנע פליגן.
און יידן מיט די הענט פון הינטן און מיט וואַזשנע מינעס,
זיי האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט און געזאָגט מבינות.
נאָר בורישאָק האָט זיינס געטאָן — די אַרבעט האָט געברענט.
איך זאָג אייך: נישט אַרויסגעלאָזט דעם האַמער פון די הענט.
און נאָך צום ערשטן סדר טאַקע איז געלעגן גרייט
אַ טראָטואַר די לענג פון גאַס, צען פינגער אין דער ברייט.
— אַ טראָטואַר צען פינגער ברייט? כדי מע זאָל זיך שטיקן?
— איז וואָס־זשע דען האָט איר געוואָלט? מע זאָל אייך בויען בריקן?

אַוודאי איז געווען ענג און שווער זיך אויסצומיידן,
נאָר בע, אַ נעמיראָווער ייד איז שוין געוואוינט צוליידן.
און אין די גרויסע בלאָטעס און דערצו נאָך אין אַ רעגן,
ווען איינער איז דעם אַנדערן געקומען פונקט אַנטקעגן —
איז האָט מען זיך אַרומגעכאַפּט ווי בעסטע גוטע ברידער,
זיך אויסגעדרייט ווי אין פאַרשוין — און זיך צעגאַנגען ווידער.
ביז איינמאָל האָט מיט שניידערס צוויי אַ מעשה זיך פאַרלאָפן:
צוויי ערגסטע שונאים האָבן זיך אין מיטן ברעט געטראָפן.
און נישט אַהער און נישט אַהין — אַן אמתע גריזאָטע,
כאָטש לויף אַ האַלבע גאַס צוריק, צי וואַרף זיך אין דער בלאָטע.
איז ווילט איר דאָך מסתמא ווייסן, ווי ס'איז פאַרבליבן?
ווייסט מען ניט — אין פנקס איז די מעשה ניט פאַרשריבן.
איך ווייס נישט ווער ס'האָט ערגער און ווער בעסער אָפּגעשניטן —
נאָר לצים זאָגן, אַז דאָס פּאָרל שטייט נאָך אַלץ אין מיטן.

וואַסער

א.

מיין נעמירָאוו, ווי יעדער שטאָט פאַרמאָגט אין איר זיכרון
פיל צייכנס און סימנים אויף צו רעכענען די יאָרן.
דער יידע פירט זיין לוח לויטן יאָר פון דער מגפה.
די באָבע ציילט די יאָרן לויט, נישט היינט געדאַכט, דער שריפה.
איך מיין נישט יענע שריפה —

„אוי אַ יאָמער און אַ קלאָג,
צוויי ברידער זענען אומגעקומען,
ביידע אין איין טאָג."

(אַזוי האָט זיך אויף מאָרגן גלייך צעגאָסן אין געוויין
אַ בלינדער מיט אַ פידעלע, אַז ס'האָט געריררט אַ שטיין).

איך מיין ניט יענעם אומגליק, נאָר דעם בראָך און די יללה,
ווען אונדזער אייגן געסל האָט געברענט ווי אַ הבדלה.
דעם שטריקלדרייערס ווייב האָט זיך פאַרגלוסט צו פרעגלען פלוימען,
(חלילה אָן פאָווידלע וואָלט געווען אַ לאָך אין קוימען.)
און פרעגלען דווקא אויף דער גאַס — וואָס זאָגט איר צו איר טאָטן?

איר מעגט עס אָנקוקן אַ קעסל — פאַר אַ פאָלק סאָלדאָטן!
און וויפל דאַרף אַ דאַך פון שטרוי — נאָך זומער אין די היצן?
ס'האָט בלויז געפעלט אַ ווינטל, אַז די פונקען זאָלן שפּריצן.
און פּלוצלונג און פון העלער הויט — געוואַלדן און געשרייען,
אַ וויסטע קלאָג, אַז ערד און הימל שפּאַלטן זיך אויף צווייען.
דער רויטער האָן האָט אויסגעשפּרייט אויף דעכער זיינע פליגל,
און האָט פון שטוב אַרויסגעיאָגט דאָס מינדסטע קינד פון וויגל.
און איידער מ'האָט דערלעבט צו זען דאָס ערשטע וואַסער־פּעסל,
האָט שוין דער פלאַם אַרומגעכאַפּט אַ האַלב פון אונדזער געסל.
מע זאָגט, אַז כלומרשט אין אדעס איז דאָ אַזאַ מין קראַנט,
וואָס אַז מע גיט אים נאָר אַ דריי — גייט וואַסער פון דער וואַנט.

איך ווייס נישט צי די זאַך איז אמת — אפשר דאָרט ביי אייך,
ביי אונדז אין שטעטל, ווילט איר וואַסער — מוזט איר גיין צום טייך.
נאָר ווייס איך, ביז דער וואַסערפירער ברענגט אייך די נחמה,
זאָל גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד, קאָן אויסגיין די נשמה.
אַ גליק וואָס אונדזער שבת־גוי האָט אָפט זיך אָפּגעריסן
מיט עמער און קאַראָמיסל די דייזשקע צו דערגיסן.

בקיצור, ביזקל וואַנען די פאָזשארנע איז געקומען,
ביז וואַנען מ'האָט די קישקע ערשט צעוויקלט און צענומען,
איז האָט מען שוין אינמיטן גאַס אויף בעבעכעס געטראָטן,
איז שוין אַ שטיק פון אונדזער גאַס געלעגן אָפּגעבראָטן.

ב.

אַ חורבן און אַ תשעה באב — כאָטש זעצט זיך אין די זאָקן,
נאָר מער פון אַלעמען געטראָפן האָט עס בורישאָקן.
זיין שטוב האָט דווקא נישט געברענט, ווייל זי איז דאָך פון הינטן,
און אונדזער זייט האָט זי פאַרשטעלט פון פלאַמען און פון ווינטן.
נאָר דאָך איז אונדזער בורישאָק אַרומגעגאַן אַ בלאַסער:
געוואַלד און סטייטש און ווידער סטייטש — וואָס הייסט ס'זאָל פעלן וואַסער?
דאָס לעבן איז דאָך איינגעשטעלט און איז ניט ווערט קיין דרייער,
אַן עדה יידן קאָן חלילה אָפּגיין מיטן פייער.
געשיקט זיך עס, סע זאָל נישט זיין קיין עצה און קיין מיטל?
און בורישאָק האָט זיך פאַרטראַכט און האָט פאַררוקט דאָס היטל.

ג.

נאָר אַז מע טראַכט, דערטראַכט מען זיך. אַ שבת נאָכן עסן
איז בורישאָק דער סטאָליער אויף דער פּריזבע זיך געזעסן,
פון רעכטער זייט אַ שכן און פון לינקער זייט אַ שכן,
די הענט ווי מידע פייגל אין די פּאַזוכעס פאַרקראָכן.
אַ ווינטל האָט געשפּילט זיך מיטן סטאָליערס טלית־קטן,
אַ ציג האָט מעלה־גירהט און זיך אָפּגערוט אין שאָטן.
פון וואָס־זשע ריידן יידן אין אַ שבתדיקן דרויסן?
פאַרשטייט זיך פון דער שריפה — פונעם אומגליק פונעם גרויסן.
נאָר וואָס איז דאָ צו ריידן דען און וואָס איז דאָ צו קלערן?
פון זיצן אויף דער פּריזבע וועט קיין וואַסער דאָך נישט ווערן.

„חכמים מײנע, װײסט איר גאָר, װאָס מיר איז אײנגעפאַלן?
אָט דאָ אין דר'ערד נישט װײט פון פריזבע מוזן שלאָגן קװאַלן.״
(אַזױ איז בורישאָק דער סטאָליער פלוצלונג אױפגעשפרונגען).
„װילט איר דאָך מסתמא װיסן, װי איז דאָס געדרונגען?
ראשית, איז דאָ באַרג אַראָפּ — דאָס איז אַ קלאָרער צײכן,
אַז ס'איז די װאַסער זײער נאָענט — מיט דער האַנט צו גרײכן.
צװײטנס, זעט װי נאַס דאָ איז — װאָס קאָן דען זײן נאָך נאַסער?
מײנט עס, אַז די ערד פון אונטן איז פאַרפּלײצט מיט װאַסער.
און דריטנס, זאָגט מיר סתם דאָס האַרץ, װי הײנט איז חודש סיװן,
אַז בורישאָק װעט אָט אָדאָ אַ קערניצע דאָביװען.״

ד.

אַז בורישאָק דערקלערט אַ זאַך, איז פרעגט מען ניט קיין קשיה.
אויף זיינע ווערטער דאַרף מען ניט קיין פּירוש און קיין רש״י.
דאָס מויל איז נישט קיין כאַליעווע צו פּלאַפּלען און צו ברייען —
געבומען און אָוועקגעשטעלט צוויי גוים מיט כלי זין.
און ווי געזונטע שטאַרקע ציין אין ברויט אַריינגעביסן,
אַזוי האָט זיך דער שווערער לאָם אין דר׳ערד אַריינגעריסן.
דער ריסקל האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטער נעץ און שימל
די קילע פּייכטע אונטערערד פאַרזונקען לאַנג אין דרימל.

ס׳איז גוט אַזוי אין פרישער ערד די האַנט אַריינצווזינקען,
מיט פייכטקייט פון דער קילער ערד די פינגער אָנצוטרינקען.
און ווייסע חברה ווייסט דערפון, מע דאַרף זיי לאַנג נישט בעטן:
אַ גאַנצן טאָג — באַם בערגל ערד, קיין שפּאַן ניט אָפּצוטרעטן.
און גרויסע מיינט איר, זענען בעסער? נאָר מע קומט באַקוקן:
ווי האַלט עס מיט דער קערניצע? שוין נאָס, צי אַלץ נאָך טרוקן?
וואָס איז מיט אייך די איילעניש? די יאָגעניש די גרויסע?
וואָס טרייבט איר ווי מיט בייטשן? פּוקאָטילעוו ברענט, רבותי?
(פּאַרוואָס גראָד „פּוקאָטילעוו ברענט״? מסתם פּאַראַן אַ זינען,
ווייל, אַז מע לאָזט אַרויס אַ ווערטל — שטעקט אַ שפּיץ דערינען.)
בקיצור, נישט קיין איילעניש — דאָס בערגל וואַקסט אַלץ העכער.
וואָס הערט זיך מיט דער קערניצע? — אַ לאָך ווי אַלע לעכער.
דערווייל קיין וואַסער האָט זי נישט — זי וועט נאָך מירצעשעם האָבן —
אינגאַנצן ערשט אַ וואָכן זעקס, אַז מ׳האָט געפומען גראָבן.
דערווייל איז חודש תמוז זיך פּאַוואָלינקע אַנטלאָפן,
מיר האָבן שוין אי געלע ליים, אי ווייסע ליים געטראָפן,

נאָר בורישאַק האַלט שטאָל און אײַזן — לעבעדיק און מונטער.
די גוים לאָזן זיך אויף שטריק אין קערניצע אַרונטער,
גראָבט מען װײַטער, זאָל מען גראָבן — מירן שפּעטער קומען.
דאָס שטעטל גייט איצט כּאָדראָם און אַלע הענט — פֿאַרנומען:
אַריבער די דרײַ װאָכן שוין, די נײַן טעג אויך אַריבער,
עס פֿלײצט די פֿרייד פֿון חופּה־נעכט אַריבער אַלע שטיבער.
און ייִדן פּראַװען חתונות — אַ יעדער טאָג צו זיבן,
די סאַרװערינס, די בעקערינס — אָן כּוחות שוין געבליבן.
די דאַמסקע שניידער האָבן זיך די פֿינגער שוין פֿאַרשטאָכן,
שוין אַלע פֿעדעם אויסגעניצט, די נאָדלען שוין צעבראָכן.
און יונגוואַרג שווימט ווי אין אַ טײַך — פֿאַראַן זיך וואו צו רעשן:
אין מיט פֿון גאַסן אויפֿגעשטעלט ברעזענטענע שאַלאַשן.
ס׳איז פֿריילעך אויף די גאַסן און ס׳איז לוסטיק אויף די וועגן —
געפּאַקטע פֿאַעטאָנען פֿאָרן חתנס־צד אַנטקעגן.
די כּלות פּראַוון פֿאַרשפּילן פֿאַר די באַקאַנטע מיידלעך,
עס טאַנצן די מאַמזעלן אין די קרוזשעווענע קליידלעך.

מיט פעכערלעך מיט ביינערנע אַזעלכע אַנטיטשנע,
מיט ציטערשפּילקעס אין די האָר, מיט טופּליעלעך פּאַבריטשנע.
מע העצקעט זיך אין פּאָלקעס און מע דרייט זיך אין קאַדרילן,
די קלעזמער פּאַלן אויף דער נאָז — נאָר מ׳הערט ניט אויף צו שפּילן.
נאָר דאָס איז גאָרנישט קעגן דעם, וואָס טוט זיך אָפּ פאַרנאַכטן:
אַ נעמיראָווער חופּה־מאַרש איז ווערט מע זאָל באַטראַכטן.
די זיידעס מיט די באָבעס, מיט די פעטערס מיט די בנים,
פון חתנס צד, פון כלהס צד די געסט און מחותנים.
פּאַמעלעך און געלאַסן און מיט פייערלעכע מינעס,
אין ריפּסענע קאַפּאָטעס און אין ברייטע קרינאָלינעס,
מיט טערקישע פאַטשיילעס הינטער אויערן פאַרבונדן,
אין שטאָלצע הענט געהויבענע — די ליכטלעך אָנגעצונדן.
פון פאָרנט די קאַפּעליע און די פּויק פאָרויס פאַר אַלע,
אין טיולענער גאַליאַנדע הינטער דעקטוך קומט די כלה.
צוויי וייבער אונטערפירערינס געאָרעמט ביי די זייטן,
דער חתן מיטן חתנס צד — אַ ביסעלע פון ווייטן.

די קלעזמער שפּילן טרויעריק און פייערלעך געלאַסן —
אַ חתונה אַ יידישע אויף נעמיראָווער גאַסן.
עס זינקט די זון אין מערב זייט צעגליעט רויט ביז צונטער,
דער עולם גליטשט זיך באַרג אַראָפּ צו אונדזער שול אַרונטער.

און אויפן וועג צוריקצואוועגס — שוין אָפּגעשטעלט די חופּה —
ווער קאָן עס איצט געלאַסן גיין? — אַ הוליע און אַ טופּע!
די קלעזמער שפּילן האָפּערדיק, מע דזשימזשעט מיט די טאַצן,
דער פּויקער האָט די הענט צעשפּרייט און פּויקט, אַז וועלט זאָל פּלאַצן.
מע קושט זיך און מע האַלדזט זיך, און מע לאַכט און וויינט אינאיינעם,
די באָבע טאַנצט אינמיטן גאַס — אַליין, זי דאַרף נישט קיינעם.
פּאַרטאַנצט זיך און פּאַרכלינעט זיך אין טומל און אין רעש —
פּאַרקראָכן איז די באָבע צו אַ פּרעמדן אין שאלאש.
נו, מילא, זאָל זי טאַנצן דאָרט, אַבי זי איז צופרידן —
נאָך אַלעמען, וואָס איז דער חילוק? אַלע זענען יידן.

ה.

נאָר דאַכט זיך, אַז איר ווערט מיר שוין אַ ביסל אומגעדולדיק,
איר ווילט דעם סוף פון קערניצע? איז וואָס־זשע בין איך שולדיק?
די וואַסער לאָזט זיך בעטן — און עס קאָן נישט העלפן קיינער —
וואָס בין איך אייך אַ משה, איך זאָל צאַפּן פון די שטיינער?

דאָס בערגל איז שוין ניט קיין בערגל, נאָר אַ גאַנצער באַרג,
און טאָמער איז די ווייסע ליים און געלע ליים אייך קאַרג,
פאַרמאָגן מיר שוין רויטע אויך — דאָס שטעטל צו באַטיילן —
און אונדזער קערניצע איז טיף — אַריבער צוואַנציק איילן.
די גוים וואָס מע לאָזט אַרונטער קאָן מען שוין ניט הערן.
אַ סברה זאָגט מען, אַז פון ברונעם קאָן מען זען די שטערן.
נאָר צו קיין וואַסער קומט עס נישט, נאָר בורישאָקן אַרט ניט:
מע ווייסט שוין, אַז די בעסטע זאַכן קומען, ווען מע וואַרט ניט.
און טאַקע פונקט ראש חודש אלול, אין אַ טאָג אַ שיינעם
איז דאָס געוואָרן אַ בהלה צווישן אַלע שכנים!
מיט טעפּלעך און מיט שיסלען און מיט וואָס מע האָט געטראָפן,
געכאַפּט און הענדום־פּענדום צו דער קערניצע געלאָפן.
און בורישאָק פאַרשמירט אין בלאָטע ביז די קני אַ נאַסער,
ער האָט מיט שמייכל פון אַ זיגער אויסגעטיילט די וואַסער.
אַ שכנה האָט געטאָן אַ לעק און האָט פאַרקרימט דאָס פּנים:
אָט דאָס איז דאָס די קערניצע? חלשות מיינע שונאים!

אַ צווייטע האָט געטאָן אַ זופּ און זיך גענומען קרעקן:
איך זאָג אייך ס'איז אַ משקה, נאָר די טויטע אויפצואוועקן.
אַ דריטע האָט פאַרזיכערט, אַז זי מיינט נישט קיין קאַטאָוועס:
צו טרינקען אָט די וואַסער — איז צו טרינקען סם־המוות!
נאָר בורישאָק איז ניט פון די — אַ צענדליק פאַר אַ גראָשן,
אַז בורישאָק דערלאַנגט אַ קוק — איז נעמט עס אָפּ דאָס לשון.
— איך בעט אייך, אפשר קאָנט איר מיר דערקלערן, מיינע שכנים,
כ'האָב, דאַכט זיך, דעם שאלאטנע שמש נישט געשיקט נאָך קיינעם,
מע שטופּט זיך נעמען וואַסער, און מע פרעגט מיך ניט, צי וויל איך,
וואָס מיינט איר איז אַ קערניצע, אַ ציג צו מעלקן מילך?
און טאָמער וועט די קערניצע אייך העלפן אין אַ שריפה,
אַ גאַס זאָל נישט פאַרשרפעט ווערן — איז די וואַסער טריפה?
איך זאָג אייך: ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס אונדזער שטעטל ברענט —
אַ יידן, אַז מע גיט אַ פינגער, וויל ער ביידע הענט.
דער עולם האָט פאַרשעמט זיך און זיך שטילערהייט צעקראָכן,
און טרויעריק האָט נאָכגעקוקט זיי בורישאָק דער שכן.

שוין יאָרן, אַז איך האָב פאַרלאָזט דאָס שטעטל דאָס פאַדאָליער,
נאָר נישט פאַרגעסן קאָן איך אים — מיין בורישאָק דעם סטאָליער.

וועלוול בעסאַראַבער

א.

אַז וועלוול בעסעראַבער איז קיין נעמיראָוו געקומען
און די שטעלע פון חזנות אין דער גרויסער שול פאַרנומען,
האָט ער אָפּגעקנאַקט אַ שבת און האָט אָפּגעבענטשט ראש־חודש,
אַז פאַרכאַפּט זענען געוואָרן אַלע שטעטלשע כלי קודש.
שוין אָפּגערעדט פון פּראָסטן עולם — מאָלט אייך: ס׳איז אַ סברה,
אַז דער גאַנצער עזרת נשים איז געוואָרן די כפרה.
און וויל ביי אונדז אַ חזן, אַז די שטאָט זאָל פון אים קוועלן,
באַדאַרף ער נאָר די נשים אין דער ווייבער־שול געפעלן.

קיין חידוש ניט, וואָס מוצאי שבת — תיכף נאָך הבדלה
האָט דער גבאי באַלד צונויפגעשלעפּט די שטאָטישע ממשלה:
די שענסטע באַלעבאָטים און די קלייזלשע גבאים,
און ביי אַ גלעזל משקה זיך געזעצט צו ריידן תנאים.
רב וועלוול האָט נישט לאַנג געוואַרט און איז אַרויס מיט לשון:
— רבותי, איר פאַרשטייט אליין, עס איז אַ מנהג ישן:
ברחל בתך — זאָגט דער פּסוק, כ׳מיין ניט קיין עשירות,
נאָר דאָך כדאי צו וויסן קלאָר, וואָס דענקט די שטאָט פון שכירות.
און וויפל, בלי נדר, קאָן איך האָבן דאָ הכנסה?
אַ ייד אַ בעל מטופל בין איך — דאַרף דאָך זיין פּרנסה.
און חוץ מזה: ס׳איז געמיראָוו נישט סתם זיך אַ קהילה —
זי קאָן זיך ניט באַנוגענען מיט עפּעס אַ בעל תפילה.
און אויב מע האָט שוין יאָ אַ חזן — דאַרף דאָך זיין נגינה,
די אמתע משוררים — לשמוע אל הרינה.
— אוודאי און אוודאי — ווערט דער עולם מיטגעצויגן,
אוודאי מיט משוררים! צעפלאַמען זיך די אויגן.

— און אויב שוין יאָ משוררים — איז דאַרפֿן זיי דאָך עסן,
אָט דאָס, רבותי, חס ושלום, טאָר מען ניט פֿאַרגעסן.
הערש־בער דער גבאי האָט געצילט אין באָרד אריין אַ שמייכל,
און אָפּגעענטפֿערט נישט געאיילט, מיט ישוב און מיט שכל:
— ראשית, חזן, דאַרפֿט איר וויסן און געדענקען תּמיד,
אַז ס'איז אַ גרויסער כּבוד שטיין ביי נעמיראָווער עמוד.
נאָר מחמת כּבוד עסט מען דאָך ניט — זענען מיר מבטיח,
אַז כּל זמן איר וועט בלייבן דאָ ביים ציבור אַ שליח,
וועט קהל אייך משלם זיין אַ גאַנצן ת"קער יערלעך,
און דאָס וואָס קהל זאָגט אייך צו — דאָס איז ראַיעל און ערלעך.
און רעדט מען פֿון הכנסה, חזן, קאָנען מיר אייך זאָגן,
אַז אויף נעמיראָווער יידן איז נישטאָ זיך וואָס צו קלאָגן:
זאָל גאָט אייך שענקען כּוחות און געזונטע פֿיס צום שפּאַנען,
צו באַזאָרגן אַלע חתונות וואָס זיינען דאָ פֿאַראַנען.
וועט רעדט פֿון „מי שברכס", פֿון לוויות און פֿון בריתן,
און אלול צייט אויף בית הקברות כאַפּט מען אויך אַ ביסן.

און חנוכה איז אויך אַ זאַך — מע גייט איבער די הייזער,
אַ גילדן דאָ, אַ צענער דאָרט — און קהל איז אַ שפּייזער.
היינט, פּורים שלח־מנותן — פאַלט אויך אַרײַן אַ ביסל,
און אחרון חביב — ערב יום־כּפּורים צו דער „שיסל".
בקיצור, עס וועט זײַן הכנסה — וואָס איז דאָ צו ברייען?
קיין חתונות און בריתן דאַרף זיך נעמיראָוו ניט לייען.
און וואָס איז שייך זינגערלעך — איז ווייסן שוין חזנים,
אַז יעדער שטאָט און שטעטעלע פאַרמאָגט אַ סך בעלנים,
וואָס בענקען נאָך אַ חזן מיט אַ קאַפּעטשקע נגינה.
איז לאָזט מען זיך אַ פּאָר חדשים איבער דער מדינה:
אַ שבת דאָ, אַ שבת דאָרט — און זאָל זיי וואויל באַקומען,
און אַז דער עולם לעקט די פינגער — וועט שוין זײַן מזומן.
און מיר אַליין וועלן אויך ניט אָפּשטיין — מ'עט שוין העלפן — ווייס איך!
אַ זינגערל אויף שבת, און אַ זינגערל אויף פּסח,
אַ וואַרעמעס, אַ וועטשערע — מ'איז דאָך עפּעס יידן.
איך זאָג אייך, חזן, גאָט וועט העלפן, איר וועט זײַן צופרידן.

דער גבאי האָט געזאָגט זיין וואָרט — די אַנדערע בעל־דעות,
וואָס האָבן פריער שווייגנדיק געקרייזלט זיך די פיאות,
זיי זענען איצט אַרויס מיט לשון — יעדער אויף זיין שטייגער,
און מ׳האָט אַזוי אַוועקגערעדט ביז צוועלף אויפן זייגער.
זיך אָנגערעדט, זיך אויסגעגלייכט. געקומען צו אַ פשרה,
געטרונקען אַ לחיים — און גאַנץ היפשלעך קיין עין־הרע.
און נאָך דעם זעלבן מוצאי־שבת האָט מען כתב געשריבן,
און וועלוול בעסעראַבער איז אין נעמיראָוו פאַרבליבן.

ב.

רב וועלוול איז אייך נישט געווען פון יענעם מין חזנים,
וואָס זאָגן צו משוררים — און שטעלן אָן יונים.
רב וועלוול האָט נישט ליב געהאַט קיין אפשר און קיין טאָמער.
נאָר גענומען און געפּאַרן קיין בערדיטשעוו און זשיטאָמיר,
און איינגעהאַנדלט דאָרטן אַן אוורעמעלע סיפּאַק —
אַן אלטל מיט מתיקות און מיט יענעם ברען און קנאַק,
פאַר וועלכן מע מאַכט ביי אונדז אַ קאָמפּלימענט אַ גראָבן:
„נו, נו, האָט דאָס אַ העלדזעלע — אַ רוח אין זיין באָבען!"
און מיטגעבראַכט אַ קוויטשערל — אַ הערשעלע — אַ ספּירט!
פאַר וועלכן חזנים האָבן לאָדעניש געפּירט.
און בעס געדיכט ווי לעבער און די האַרציקע טענאָרן —
און נעמיראָוו איז פריילעך און ליהודימדיק געוואָרן.

אין חזנס שטילן הויזגעזינד — אַ ווייב מיט פינף קינדער —
האָט פלוצלונג זיך אַוועקגעשטעלט אַ יאָריאָריד אַצינדער.
אין קליינע דריי חדרימלעך — צו־ענג פאַר דריי צו וואוינען,
דאָרט זענען פלוצלונג צוגעקומען גאַנצע אַכט פאַרשוינען.
אַ לעבעדיקע וועלט, וואָס גייט אויף רעדלעך און אויף שרויפן:
מע גאָרגלט זיך, מע קאָטשעט זיך — און יעדער אויף זיין אופן.
און האָט דער חזן נאָר געפּרואווט די שוועל אַריבערשפּאַנען —
אַזוי איז שוין די חזנטע ס׳גיהנם אויסגעשטאַנען.
אָט דאַכט זיך שטיל ווי טייבעלעך — געשפּילט זיך און געצערטלט,
נאָר איינס און צוויי און ס׳פליען פּעטש — מע האָט זיך שוין צעווערטלט.
עס טראָגן זיך די קולות פון די אלטן און סאפּרענער,
מע רייסט זיך ביי די טשאַפּרינעס ווי גאלאגאנסקע הענער.
און איינס אין איינס, אַ דאַנקען גאָט, מיט וואָזשנע אַפּעטיטן
גלייך נעמיראָוו וואָלט זיבן יאָר פון הונגער שוין געליטן.
ווער האָט עס כוח וואַרטן אויפן מאָלצייט דעם געקאָכטן?
פון וואָשן זיך ביז גיין צום טיש — פיר לאָבן ברויט צעפלאָכטן.
און אונדזער ליבע חזנטע — געבאָקן און געשמייעט,
נאָר קיינמאָל האָט די חלה אויף המוציא ניט געסטייעט.

און איז געקומען אויף דער נאַכט — די חברה צו באַשטאַטן —
איז וואָלט זי ליבערשט שוין באַלייגט אַ גאַנצן פּאָלק סאָלדאַטן.
מיט ניסים האָט די חזנטע צונפּויגעשטיקלט בעטלעך:
פון בענקלעך און פון סאָפּעס און פון בענק און טאַבורעטלעך.
און צוגעדעקט מיט קאָלדרעס, מיט קאַפּאָטעס און מיט שאַלן,
און מיט וואָס סע האָט זיך נאָר געמאַכט אין האַנט אַרייַנצופאַלן.
אורעמעלע סיפּאַק און אונדזער הערשעלע סאַפראַן,
זיי האָט מעןביידע אויסגעמאָסטיעט אויף אַ מין דיוואַן.
אַ וואונדערלעכער זיווג — ווי אַ קעצל מיט אַ מויז,
איר קאָנט זיך שוין משער זיין, וואָס ס'קאָן דערפון אַרויס.
און ווען די באַנדע פלעגט מיט צרות ענדלעך זיין אין בעט,
ערשט דעמאָלט האָט צעגאָסן זיך דער אמתער דועט:
דאָס הערשעלע האָט זיך צעלאָזט אויף אויבערשטער אָקטאַווע,
אַורעמל האָט געענטפערט מיט געוואַלדן קוטשעראַווע,
און קלעפּ זענען געפאַלן — און די אמתע סטוסאקעס,
ניט געזשאַלעוועט קיין נעגל, און קיין ציין און קיין קולאקעס,

און שיך זענען געפֿלויגן פֿון די בעס און די טענאָרן —
איך זאָג אייך — אַ בהלה איז אין מיטן נאַכט געוואָרן.
איר יידישע משוררים, באַהעמישע נאַטורן,
די זעלבע משוגעתן, און די זעלבע קינסטלער שפּורן.
ס׳איז וואונדערלעך די האַרציקע ניגונים צו געניסן,
נאָר זאָל מיך גאָט באַשירעמען פֿון אייערע קאַפּריזן.

ג.

הערש־בער דער גבאי האָט געבעבעט — זאָל ער מיר פאַרצייען:
הכנסה, זאָגט ער, איז פאַראַן, מע דאַרף נאָר צווייי רגלים.
און צען פאָר פיס וואָלט זיין גענוג פאַר נעמיראָווער בלאָטעס?
און אַכצן חתונות אַ וואָך, חוץ נעמיראָוו, ווער האָט עס?
און פינף קנסמאָלס אַ נאַכט — איז אויך נישט אַזאַ נייעס,
עס פעלן נישט קיין בריתן און, באַהיט גאָט, קיין לוויות.
היינט וואָס איז אַ בן זכר ביי אַ באַלעבאָס אַ היגן
אָן חזנס זיסע זמירות, אָן אַ זמרל, אַ ניגון?
רב וועלוול האָט געהאַרעוועט, דעם גאָרגל זיך געריסן —
צי איז געווען פרנסה? דעם סך הכל ווילט איר וויסן?
וואָס דאַרפט איר פרעגן אַנדערע? פרעגט בעסער דעם בעל דבר:
„אַ נעמיראָווער, זאָגט ער, איז אייך נישט קיין גיבעראָווער.”
דער פירוש איז אַ פשוטער — וואָס דאַרפן מיר זיך שעמען?
די נעמיראָווער גיבן נישט — די נעמיראָווער נעמען.

ד.

פונקט ווי ווינטער פאַלט אַ שניי, און זומער פאַלט אַ ראַסע —
אַזוי האָט יעדער יום־טוב זיך זיין מנהג, זיין הכנסה.
אין נעמיראָוו ווערט חנוכה געבוירן אין אַ בלאָטע.
איך מיין ניט סתם קיין בלאָטקעלע — נאָר יענע טיפע סליאָטע,
פאַר וועלכער עס העלפן נישט קיין שיך און קיין קאַלאָשן,
אפילו טיפע באָטיקעס זענען אויך נישט ווערט אַ גראָשן.
דער חזן מיטן אַלטן שמש ציען אָן שטיוואַליעס,
אַנדערש שווימט מען ניט אַרויס אויף נעמיראָווער כוואַליעס.
דער אַלטער שמש טראָגט אין האַנט אַ הילצערנעם לאמטערן —
דאָ מוז מען קוקן וואו מע גייט — מע קאָן דערטרונקען ווערן.

ליבע טעג פון חנוכה — אַ יום־טוב אין דער וואָכן,
די לאַנגע מאָנאָטאָניקייט פון ווינטער טעג געבראָכן.
אין אַלע הייזער יידישע ווערט שפּילעווּדיק, געמיטלעך,
די ווייבער באַקן לאַטקעס און די חברה שפּילט אין קוויטלעך.
די יידן טרינקען טיי מיט סאַך, מע רעדט פון וועלט ענינים,
און פון דעם רשע אנטיוכס — מלך היוונים.
דער סאַמאָוואַר דער פריילעכער — ער הערט ניט אויף צו זידן,
עס עפנט ברייטלעך זיך די טיר: „אַ גוטן אָוונט יידן!"
— אַך, זעט נאָר, זעט נאָר סאַראַ געסט! — דעם אויוון איינצוואַרפן!
— איילט זיך ניט, עס קומען פרעסט — מע וועט אים נאָך באַדאַרפן.
דאָס זענען די כלי קודש מיט אַ שפּאַס אַריינגעקומען,
און תיכף אָן הקדמות צו דעם ענין זיך גענומען:
— נו, יאָ, עס איז דאָך חנוכה, דאָס צווייטע ליכטל בענטשן,
פאַרגינען זיך כלי קודש צו באַגעגענען אַ מענטשן:
די חשובע, די שיינע באַלעבאַטים פונעם שטעטל,
איז ווער זשע אויב ניט איר זאָל זיין דער ערשטער אויפן צעטל?

— אַוודאי און בפירוש (ענטפערט יענער שטאָלץ און פריידיק)
ביי מיר, חלילה, לאָזט מען ניט אַרויס כלי־קודש ליידיק!
דער באַלעבאָס צעוואַרעמט זיך און פילט זיך גאָר געהויבן,
(און וועמענס האַרץ ווערט ניט צעשמאָלצן פון אַ ביסל לויבן?)
און זאָגנדיק אַ גוטע נאַכט, און ווינטשנדיק די מאות,
באַקומען די כלי קודש אַ פּאָר קופּערנע מטבעות.

ה.

עס וואָלט געווען ניט יושרדיק צום חזן און צום שטעטל,
איך זאָל די הויפּט הכנסה נישט דערמאָנען מיט אַ בלעטל.
און רעדט מען שוין פון „שיסל״, איז ווי גיט מען דאָ אַ היפּער
די ייִדישע הכנסות פאַרן הייליקן יום־כיפּור?
נו, זאָגט אליין: איז נישט קיין וואונדער, נישט קיין גרויסער מופת,
אַז צוועלף שוחטים זאָלן קוילען זיבן הונדערט עופות
אין איין און איינציקן ביינאַכט — איך מיין דאָס צו כפּרות?
פאַרשטייט זיך, כ׳האָב זיי נישט געציילט — דאָס זענען בלויז השערות.
און מעג מען זיין אין חשבונען דער סאַמע גרעסטער קענער,
איז אַלץ נישט צו באַרעכענען די הינער מיט די הענער,
וואָס ווערן די כפּרה פאַר די זינד פון דער קהילה,
(זאָל גאָט זיי נאָר באַוויליקן אַן אמתע מחילה.)
אין הייזער באַלעבאַטישע האָט יעדער פון געזינדל —
אפילו ס׳מינדסטע קינד אין וויג — פאַר זיך אליין אַ הינדל.
פאַרשטייט זיך, אין געמיינעם גראַד, אַז סע סטייעט ניט קיין פאַדעם . . .
איז דרייט מען שוין אַ שותפותדיקן האָן צו „בני אָדם״,

דער עיקרשט איר זאַלט הערן יענע קולות און געשרייען,
וואָס שפּאַלטן, דאַכט זיך, יענע נאַכט גאַנץ נעמיראָוו אויף צווייען.
דאָס שעכט־הויז גייט איצט כּאָדאָראָם — ביים שיין פון אַ לאָמטערן —
עס שטייען ווייבער קאָפּ אויף קאָפּ — מע קאָן צעטראָטן ווערן.
די הענט מיט עופות אויסגעשטרעקט אַריבער פרעמדע פּלייצעס,
דאָס וויל מען עס פאַרכאַפּן פלאַץ — נאָר ס׳העלפן ניט קיין עצות.
די לופט איז פול מיט פעדערן, מיט ווייבערשע יללות,
די שוחטים — רויט־פאַרבלוטיקטע און מיט פאַרשטעקטע פּאָלעס.
זיי שניידן רעכטס, זיי שניידן לינקס, זיי שניידן אין דער מיטן,
און עופות פרעמדע, אייגענע — פאַרפלאָנטערט און פאַרביטן:
מע ווייסט ניט וואָס ס׳איז אייערס און מע ווייסט ניט וואָס ס׳איז יענעמס,
מע קוויטשעט און מע זידלט זיך — אַן אמתער גיהנום.

ו.

אויף מאָרגן פּילט זיך אַזאַ רו — דער טומל איז אַריבער,
דער אָטעם פון כל־נדרי־נאַכט — ער שוועבט אין אַלע שטיבער.
מע לויפט זיך מתיר־נדר זײַן — דעם עול אַראָפּצוואַרפן,
מע האַנדלט אײַן חלשות טראָפּן — מע זאָל נישט באַדאַרפן.
דאָס ווײַב האָט לאַנג שוין אָפּגעקאָכט — זי פּאָרעט זיך אַצינדער
מיט פּופּיקלעך, מיט לעבערלעך אויף מאָרגן פאַר די קינדער.
אין פאַרטעך קלינגען קאָפּיקעס און גראָשנס פאַר אביונים —
עס פעלן נישט קיין הונגעריקע אין אַ טאָג אַזוינעם.

דער טאָג — ער רוקט זיך באַרג אַראָפּ — און ביסלעכווייז פאַרגייט ער,
אין פּאָליש פון דער גרויסער שול — אין סאַמע טיר דער ברייטער,
דאָרט זיצן איצט די פּני פון שטאָט — זיי האָבן דאָס דעם שליסל,
און יעדער באַלעבאָס פון שטאָט מוז קומען צו דער „שיסל".
און זאָגט מען שיסל — מיינט מען שיסלען, טעלערלעך און טעלער, —
און יעדער שיסל קיין עין־הרע האָט אַ גרויסן ווערט.
אַ שיסעלע פאַר הקדש און אַ צווייטס פאַר מושב זקנים,
און אַ שיסל פאַר דער „שטאָט" אין שול — דאָס קאָסט דאָך יעדן איינעם.
היינט, וואו איז חברה תהילים, און די חברה הכנסת־כלה?
ווער האָט דאָס גאָר אַזאַ זיכרון צו געדענקען אַלע?
און אַלע וואַרטן אויף אַ פדיון — ס'איז אַ טאָג פון געבן —
מע קויפט זיך איין אַ ליכטיק מזל און אַ גליקלעך לעבן.
און אויבן זיצן די כלי קודש אין אַ לאַנגער שורה,
און וואַרטן אויפן „שיסעלע" ווי אויף אַ גוטער בשורה.
דיינים און שמשים און — מה נאמר ומה נדבר —
דער נצרך פון נצרכים — אונדזער ווערלוול בעסאַראַבער.

דער עולם ציט זיך שטראָמענדיק פון שיסעלע צו שיסל,
און אײנער גיט מיט ברײטער האַנט, און אײנער גיט אַ ביסל.
פאַרשידן זענען מענטשן סײ בײם געבן, סײ בײם נעמען:
פאַראַן אַ מענטש אַ האַרציקער, װאָס גיט און טוט זיך שעמען.
דער צװײטער שענקט גוט־ברודעריש — אַ חברשע מתנה,
און שמײכלט מיט אַ שמײכל פון אַ לױטערער לבנה.
אַ דריטער גיט ברוגזלעך — עס פּאַסט אים נישט פאַר לײטן,
ער װאַרפט אַרײַן אַ צענער — און ער קרענקט אים אױס באַצײַטן.
אַ פערטער קלינגט אין שיסל מיט אַ קופּערנער מטבע,
און זאָלן ײדן װיסן — און נאָך מײנען מי יודע.
רב װעלװול האָט אין משך פון די לאַנגע יאָר חזנות
געשאַפן זיך אַ פאַנצער — אַ מין אופן פון לצנות,
װאָס העלפט אים צו פאַרהוילן, װאָס סע טוט זיך טיף אין האַרצן,
װען ס׳מאַכט זיך (און װען מאַכט זיך ניט?) דאָס פּנים זיך צו שװאַרצן.
דער חזן זיצט און שמײכלט פאַר די גראַשנדיקע טובות,
און יעדער קלינג אין שיסעלע דערמאַנט אים די בעל־חובות.

וואָס קאָנען ניט און ווילן מער ניט וואַרטן אויפן סילוק,
צי האָט ער יאָ, צי האָט ער ניט, איז קיינעם נישט קיין חילוק.
און קינדער דאַרפן עסן (ציט ער ווייטער די מחשבות),
און אַכט פאַרשווינען פרעמדע זענען אויך נישט קיין קאַטאָוועס.
נאָר אַז מע וויל — איז גאָט אַ פאָטער און איך בין נישט קיין יתום:
מע קאָן זיך נאָך אַ לאָז טאָן אין דער סביבה אויף שבתים.
אַ שבת דאָ, אַ שבת דאָרט — דער עולם לעקט די פינגער —
און ווי האָט דאָס געזאָגט הערש־בער — מע זעט זיך מיט די קלינגער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער עולם ווערט אַלץ שיטערער, די שיסל איז אַריבער,
מע גרייט זיך שוין אין שול אַריין אין יום־טובדיקע שטיבער.
רב וועלוול פילט אַ שטיין אַראָפּ — ווי נאָך אַ גוטן פּותר,
און איילט אַהיים זיך אָפּצופּרישן פאַר דער נאַכט דער גרויסער .

ז.

אַז רב װעלװל איז זיך מכין אויף אַ שבת אין אַ שטעטל,
איז, ראשית, שטעלט די חזנטע צונויף אַ גאַנצן צעטל
פון העמדער און תחתונים און פון שקאַרפּעטקעס און טיכלעך,
דער עיקרשט איז דער פולער זאַק מיט ברויטן און מיט קיכלעך.
חלילה, מע זאָל דאַרפן אונטערװעגנס אויף אכסניה
באַצאָלן פאַר אכילה פאַר דער דאָזיקער קאָמפּאַניע,
מע זאָל מוזן אין די קרעטשמעלעך נאָך סילוקן מזומן —
איז װאָלט מען פון אַזאַ נסיעה אָן אַ העמד געקומען.

געפאָרן איז מען מיט דער אַקס (און ווינטער מיט אַ שליטן)
נאָר מחמת יעדער וואָגן האָט צוויי זייטן מיט איין מיטן —
נו, איז אַוועק אַ חתונה — מע שרייט צו אַלדע רוחות,
און יעדער וויל די סאַמע מיט — דער זעלביקער מיוחס.
און יעדער וויל דעם אויבנאָן — חלילה נישט אַנטקעגן,
כאָטש גיי באַשאַף אַן אויבנאָן פאַר יעדן איינעמס וועגן.
די בעס — די יידן מיט די בערד — זיי טענהן: דרך־ארץ!
ווי קומט אין סאַמע אויבנאָן אַ קוויטשערל אַ שרץ?
נאָר גיי און רעד מיט הערשעלען — אָט נעמט און פאָלגט ער טאַקע,
ער איז דאָך שטענדיק אַזוי ווייך — כאָטש נוץ אים פאַר אַ מכה.
נו, איז אַוועק אַ שטופעניש, אַ שטורכעניש אין זייטן —
עס וואָלט קיין חידוש ניט געווען, מע זאָל די פיס פאַרבייטן.

מיט אַנגסטן זיך שוין אויסגעזעצט אויף פעקלעך און אויף זאַכן,
און ס'טרייסלען זיך משוררים אויף אויסגעקרימטע שליאַכן.
מע טרייסלט זיך, מע העצקעט זיך, די זון איז שוין אין מיטן,
עס ציען זיך די ווערסטן, און עס וואַקסן אַפּעטיטן.
אָ, נעמיראָווער חזנטע, אומזיסט דיין האָראָוואַניע,
נאָך איידער מ'האָט דערלעבט צו זען אַ שפּיץ פון אַן אכסניה —
איז שוין די טאָרבע מיטן ברויט געווען פאַרביי, מסוכן,
ווי ס'וואָלטן הונגעריקע וועלף אַ טשערעדע פאַרצוקן.

ח.

דערפאַר האָט גאָט אַליין באַלוינט דעם חזן פאַר די צרות:
דאָס שטעטל האָט די פיינע געסט באַגעגנט ווי די שררות:
אַ חזן מיט משוררים — אַ קלייניקייט צו זאָגן!
וואָס ווייסט איר? מ׳עט דאָך שטיין אויף קעפּ—מע וועט די שול צעטראָגן.
נאָר טאָמער וואָלט וועלוול רב זיך שוין אָפּגערוט אין שטעטל —
פאַרגלוסט זיך דעם אורעמעלען: ער וויל אַ ניי קאַשקעטל!
באַקומט עס נישט קיין היטעלע — איז זינגט ער ניט און פּטור!
וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ באַנדיט מיט יושר פון אַ טאָטער?
אַ ברירה האָט מען דען געהאַט מיט אַזאַ יונג אַ ווילדן?
אַרויסגעריסן פונעם מויל די לעצטע פינף גילדן.
און מיינט איר, אַז דאָס הערשעלע פאַרמאָגט אַ ביסל יושר?
דאָס דאָזיקע סאָפּראַנדל האָט געכאַפּט אַ שעת הכושר
צו פאָדערן ביים חזן אַן הוספה אויף די שכירות,
און גיט מען קיין הוספה נישט — איז זינגט ער נישט קיין זמירות.

איר זענט שוין פֿאַרטיק? כאַפּט זשע ניט, עס קומט ערשט דאָס געדיכטע,
גיי זיי אַ נביא, טרעף פֿאָרויס אַזאַ מין שטיק געשיכטע:

נו, זאָגט, וואָס דאַרף אַ חזן טאָןביים אָנשטעלן אַ זינגער?
מע קאָן דאָך ניט אין יענעמס האַרצן קריכן מיט די פֿינגער.
אַ שטימע האָט ער? נאָטן קאָן ער? איז האָדיע און געגוג!
ווער קאָן עס לייענען אויף דער נאָז? ווער איז דאָס אַזוי קלוג?
נאָר גאָרניט — נישט באַשערט קיין גליק — רב וועלוולס וויסטע דאָליע:
גיי שטויס זיך אָן, אַז מענדל באַס פֿאַרמאָגט אַ שטיק מאַנקאָליע.

געקומען צו קבלת שבת — דער עולם שטראָמט אַלץ מערער,
פֿון סטעליע אין דער אַלטער שול און אויף אַ קייט אַ שווערער —
עס הענגט אַראָפּ אַ הענגלייכטער מיט הונדערט ליכט וואָס פֿינקלען.
ס'איז ליכטיק און ס'איז שבתדיק און העל אין אַלע ווינקלען,
דער חזן מיט די זינגערלעך — זיי שיינען אויף דער בימה.
רב וועלוול גיט אַ ברייטן הוסט און לייטערט אויס די שטימע.
ער וואַרפֿט אַ לעצטן בליק צום כאָר — און גלייבט נישט זיינע אויגן:
וואָס טוט זיך דאָ? ווען איז דער באַס פֿון שול אַרויסגעפֿלויגן?

רב מענדל באס איז איינגעזונקען — טאַקע נאָר ווי קורח.
די זינגערלעך — זיי לויפן אום — מע זוכט אַרום דעם אורח.
נאָר דאַנקען גאָט — געפונען אים אין פּאַליש לעבן כיור:
— געוואַלד, — דער עולם וואַרט, רב מענדל, וויפל איז דער שיעור?
רב מענדל שטייט אַ בלאַסער און עס וואַרפט אים אַ קדחת:
— וואָס מיינט איר איז עס — משוגעת? צי יינגלשער צולהכעיס?
רב מענדל גייט נישט זינגען דאָ — מע זאָל אים אוצרות געבן,
אויף דעם באַלעמער איז אַ מענטש נישט זיכער מיט לעבן.
איר זעט דעם שווערן הענגלייכטער? ווי לאַנג קאָן ער זיך האַלטן?
איר ווילט הפנים, אַז דער לייכטער זאָל דעם קאָפּ מיר שפּאַלטן?
דער חזן רעדט, די זינגער בעטן — דבר אל אבנים!
נו, נו, איז דאָס געווען אַ שבת — כ'ווינטש עס ניט די שונאים.
אָך, יידישע משוררים — איך האָב זיי ליב דאָס חיות,
נאָר זאָל אונדז גאָט באַהיטן פון אַזעלכע נסיעות.

נייע ווינטן

א.

גועלאָפּן זענען טעג נאָך טעג, געקייטלט זיך אין יאָרן,
דעם חזנס קליינע הויזגעזינד איז גרעסער אַלץ געוואָרן;
און גרעסער זענען ביסלעכווייז געוואָרן נויט און זאָרגן.
שוין ניט פֿאַרבליבן מער קיין אָרט, קיין קלייטל וואו צו באָרגן.
דאָס אַלטע שטיקל זייגער מיט די גילדענע קאפּעטעס —
עס ליגט שוין לאַנג פֿאַרמשכונט — און אויף מערער ווי די ווערט איז.
פֿון חזנס האַרציק־זיסער שטים — פֿון הינטער ברייטן טלית —
עס רייסט זיך אָפּט אַרויס דער קרעכץ פֿון נויט און שווערן דלות.

און דאָרט אין ווייטער ברייטער וועלט — אין וועלט דער אומבאַקאַנטער,
דאָרט לעבט און לאַכט אַ שטאָט אדעס, וואו חזן רופט זיך קאַנטאָר.
און לעבן לעבן דאָרט חזנים ווי די רייכע שררות —
מע ווייסט ניט פון קיין זאָרגעניש און פון קיין דריבנע צרות:
פאַראַן אויף שבת און פאַראַן אַ מלבוש פאַר די קינדער,
און דו אליין פאַרפוצט אין פראַק און זיידענעם צילינדער,
דו קומסט צוגיין אין שול אריין ווי אין אַ שיינעם היכל,
און יעדערער באַגריסט דעם חזן מיט אַ ברייטן שמייכל.
און דאָרט פון איבער ימים־ווייט עס קומען אָן ידיעות,
פון גליקן עפעס גאָלדענע און פון אַ וועלט אַ חיות.
און יידן בלייבן יידן דאָרט אין גאָלדענער מדינה —
עס בענקט זיך נאָך אַ חזן, נאָך אַ ביסעלע נגינה.
„...און וואָלסטו נאָר געקומען, וועלוול, וואָס זאָל איך דיר זאָגן ?
מע וואָלט דיך ממש ווי אַ מלך אויף די הענט געטראָגן.״
בזה הלשון שרייבט דאָס אים דער שוואָגער פון קאַנאַדע,
וואָס לעבט שוין אין אַמעריקע אַ פופצן יאָר אַוודאי.
עס שפרינגען די רעיונות פון אָדעס ביז איבער ימען,
און רייסן זיך ווי פון אַ קייט פון נעמיראָווער צאמען.

ב.

קיין נביא ווייסט איר, בין איך נישט, און זיכער — נישט קיין טרעפער —
נאָר ווייסן ווייס איך קלאָר ווי טאָג, וואו ס'וואַקסט דער שוואַרצער פעפער:
דאָס לאַנד וואָס טוליעט צו צו זיך די אַלע הערצער שווערע —
פון סאַמע מינדסטן זינדיקן ביז גרעסטן בעל־עבירה:
נגידים אָפּגעקומענע, און אונטערצינדער מיאוסע,
אַנטלאָפענע פון פּאָניעס הענט, פון ווייבער און פון תפיסה;
און סתם קבצנים פינצטערע פון ענגע שמאָלע ליקן,
געטריבענע פון הונגער־בייטש צו פאָרן זוכן גליקן.

פון וואוילטאָג־וועגן מאַכט מען ניט אַזאַ מין שטיק נסיעה . . .
און אַז רב וועלוול האָט אָקאָרשט באַקומען די ידיעה,
אַז פון קאַנאַדע שיקט מען אים אַ שיפסקאַרט אויף צו פאָרן —
איז טאַקע נאָך דער גאַנצער פרייד אַ יום הדין געוואָרן.
ויחד הייסט עס: שווער צו בלייבן — ביטער זיך צו שיידן.
נאָר וואָס איז דען צו טענהן דאָ? און וואָס איז דאָ צו ריידן?
געקומען אַ פּאַקעט אַ גראָבער — אַנגעפּאַקט פּאַפּירן,
מיט קוויטלעך און מיט צעטעלעך פון אַלערליי קאָלירן,
געשריבן אויף אַ שפּראַך אַזאַ, וואָס ווייסט ניט קיין בן־אדם,
איי טאַמער איז דאָס תרגום לשון? — מילא, גיי און לאָד אים!
פאַרשטייט זיך מ׳איז אַוועקגעגאַנגען צו רב לייב דעם שרייבער,
אַ ייד וואָס לערנט מיידלעך שרייבן, און לייענט בריוו פאַר ווייבער.
אַ ייד וואָס איז אַ כתבא־רבא, טאָרט איר ניט פאַרגעסן,
וואָס קאָן אויף אַלע שבעים לשון שרייבן אייך אַדרעסן.
דערצו נאָך אַ בעל־לוח, וואָס פאַרשטייט דעם גאַנג פון דורות,
און שווימט אויך ווי אַ פיש אין ים אין רעכענען תשבורות.

רב לייב דער שרייבער האָט גענומען דעם פּאַקעט דעם פולן,
האָט אָנגעזאָטלט אויף דער נאָז די זילבערנע שפּאַקולן,
באַטראַכט די האַנטשריפט פון אַדרעס, דעם שטעמפּל פון דער מאַרקע,
און האָט באַוויזן על פּי שכל און מיט ראיות שטאַרקע,
אַז קומען קומט אָט דער פּאַקעט פון לאַנד וואָס הייסט קאַנאַדע.
— רב לייב, געזונט זאָלט איר מיר זיין! — דאָס ווייסט אַ קינד אַ ליאַדע!
איר זאָגט אונדז בעסער, וואָס איז דאָרט אין דעם פּאַקעט געשריבן?
רב לייב האָט נעבעך שוויצנדיק דעם שטערן זיך געריבן,
געפּרוּווט די טערפּקע עברי — און די ציין זיך שיעור צעבראָכן,
און ווי אַ שווערער וואָגן אין דער בלאָטע טיף פאַרקראָכן.

בקיצור, מ'איז געגאַנגען צום אַפּטייקער מיט דער קשיא —
אַ מענטש וואָס קען לאַטייניש, ווי אַ רב, להבדיל, רש״י.
נישטאָ אַזאַ רעצעפּטן־כתב, וואָס ער זאָל נישט צעקייען,
הכלל, אַז יענער יכולט, איז נישטאָ דאָך וואָס צו ברייען.
און ווי געזאָגט — כך הוה: דער אַפּטייקער האָט געמיטלעך
צעוויקלט דעם פּאַקעט מיט די פּאַפּירעלעך און קוויטלעך,

גערליינט פון דעם בלויען און געלייענט פון דעם רויטן —
און אויסגעפונען סוף כל סוף נישט מערער פון אַ טויטן.
גיי זיי אָן אַקס — און שטויס זיך אָן, אַז גאָר צווישן דייטשן
געפינט זיך אַט אַזאַ פּאַרשוין, וואָס קאָן די זאַך פּאַרטייטשן.
פּאַראַן אַ קירך אין נעמיראָוו — אַ קלויסטער אויף פּראָסט יידיש,
איז אָט דער קלויסטער אָן אַ צלם — געהערט אַזאַ מין חידוש?
במקום אַ צלם אויפן קופּאָל — שטייט אַ האָן פון אויבן,
משמעות: אַז די דייטשן האָבן גאָר אַן אַנדער גלויבן.
און האָבן האָט די קירך אַ פּאַסטאָר — וואָס הייסט ביי אונדז אַ גלח,
און אים איז דאָס באַשערט געווען צו ווערן אונדזער מלאך.
דער פּאַסטאָר האָט פּאַרטיפט זיך אינעם פּאַק מיט די פּאַפּירן —
אין קוויטלעך און אין צעטעלעך פון אַלערליי קאָלירן,
און אונדז געלאָזט צו וויסן, אַז דעם דרייצנטן אָקטיאַבער
איז אַרויסגעגאַן אַ שיפסקאַרט פּאַר רב וועלוול בעסאַראַבער.
איי וואָס זשע דאַרף מען האָבן אָט די אַלע דאָקומענטן?
דאָס זענען מינים צייגעניש צו ווייזן די אַגענטן,

וואָס וועלן אייך באַגעגענען אין מיטן דער נסיעה,
כדי עס זאָל חלילה זיך נישט טרעפן קיין מניעה.
אָט דאָס בקיצור איז פאַר אייך די פשוטע געשיכטע:
אַרויסגעגאָסן ס'שיטערע — געבליבן דאָס געדיכטע.
ס'איז קלאָר ווי טאָג: די שווערסטע זאַך איז גאָרנישט, אַז מע ווייסט זי,
די שווערסטע שפּראַך איז קיי און שפּיי בתנאי, אַז דו פאַרשטייסט זי.
נאָר יאָ פאַרשטיין צי נישט פאַרשטיין — דאָס שווערסטע קומט אַצינדער:
ווי כאַפּט מען דאָס אַ שיפסקאַרט און מע לאָזט אַ ווייב מיט קינדער?
ס'איז גרינג צו זאָגן נעם און פאָר און לאָז אַלצדינג פון הינטן,
ווי לאָזט מען אייגן בלוט און פלייש אויף הפקר און אויף ווינטן?
אַ הויזגעזינט איז ניט קיין הויז — דאָס איז אַזאַ מין ענין,
וואָס אַז סע פעלט דאָס שטיקל מאַן, צעפאַלט דער גאַנצער בנין.
רב וועלוול האָט אַ גאַנצע נאַכט געברענט אויף הייסע קוילן,
געמאַטערט זיך און נישט געקאָנט ביי זיך אין האַרצן פועלן.
געהאַנגען צווישן יאָ און ניין — דעם מוח זיך געבראָכן —
ביז אויפגעגאַנגען איז פאַר אים דער שטערן פון בטחון:

מע לויפט ניט קיין אַמעריקע ווי איינער פון די האָזן,
דער איבערשטער וועט וועלוול בעסעראַבער ניט פאַרלאָזן!
מע לאָזט נישט איבער האַק און פּאַק ביים ערשטן טאָג דעם שווערן —
דער גאָט וואָס שפּייזט אַ ווערעמל — ער וועט אים אויך דערנערן.
און ביסלעכווייז האָט זיכערקייט אין האַרצן זיך געגאָסן,
און ס'האָט אַ ווייסער שפּראָץ אויף טאָג צווי אויגן צוגעשלאָסן.

ג.

איך וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד — בשתיקה זאָל עס בלייבן:
רב װעלוול בעסעראַבער טוט זיך זייער ערנסט קלייבן
די נעמיראָווער גליקן אויף אדעסער צו פאַרבייטן.
פאַרשטייט זיך, אַז דאָס טאָר מען נישט צעפּויקן צווישן לייטן,
מען גיסט נישט אויס דאָס אומריינע נאָך איידער מ'האָט דאָס ריינע.
לעת־עתה דאַרף מען שאַנעווען דאָס שטיקל ברויט ס'געמיינע.
פאַר לייטן זאָל עס הייסן, אַז דער חזן איז געפאָרן
אראָפּצוברענגען פון אדעס אַ באַס מיט צוויי טענאָרן.
שוין וואָכן און חדשים, אַז רב װעלוול דרייט זיך אומעט
אויף גאַסן די אדעסער פול מיט בענקעניש און אומעט.
שוין אָפּגעקנאַקט שבתים — און באַקומען גרויסע שבחים,
ניט שטענדיק אָבער גראַמען זיך די שבחים מיט רווחים.
און צו קיין תכלית קומט עס ניט — עס שלעפּט זיך און עס שלעפּט זיך,
און ווייב און קינדער אין דער היים — ווער ווייסט דען ווי זיי לעבט זיך?
פון וואַנען קומט דאָס שטיקל ברויט? ווי צאָלט מען פאַר דער דירה?
וואו נעמט מען אויף אַ שייטל האָלץ אין ווינטערדיקער קרירה?
ווייזט אויס, אַז האָרץ איז שטענדיק האַרץ, וואָס ווערט פון לייד צעוואָרעמט,
און אומעטום איז דאָ אַ מענטש, וואָס טוליעט און דערבאַרעמט.

ד.

איר גלויבט אין למד וואָווניקעס? איר גלויבט ניט? אייער שאָדן!
פאַרשטייט זיך פאַר אַזאַ מין חטא וועט קיינער אייך נישט לאָדן,
נאָר אויב איר ווילט דעם אמת וויסן — נאָט אייך דאָ אַ מוסטער,
און דווקא נישט קיין בעל קבלה — נאָר אַ פּראָסטן שוסטער.

ווער קען ניט זעליקן דעם שוסטער — דעם קאטאוועס טרייבער ?
אַז ער דערציילט אַ וויץ אַ גראָבן — רויטלען זיך די ווייבער.
און מעשות קאָן ער אייך דערציילן — איר וואָלט זיך אַזש באַלעקן,
און וואָלט ער שרייבן נאָר געקאָנט — עס וואָלט קיין טינט ניט קלעקן.
און זעליק האָט אַ מאָדנע חוש אין האַרצן אין זיין ברייטן:
אויף צוואנציק מייל וועט ער דערשמעקן, וואו עס קוועטשט אַ צווייטן.
רב וועלוול חזן און דער זעליק זענען אַלטע שכנים,
אַ פרייטיק נאָכן עסן קנאַקט מען סעמעטשקעס אין איינעם,
אַ שבת נאָכן מיטאָג־דרעמל טרינקט מען טיי בציבור,
איך זאָג אייך: טאַקע נפש אחת הערשט איןביידע שטיבער.
און איצט זינט זעליק האָט דערשמעקט, אַז עפּעס איז ניט גלאַטיק,
אַז אונדזער חזנס ווייב און קינדער לעבט זיך גאַרנישט זאַטיק,
איז יעדער זונטיק ערב מאַרק — אין זונענשיין צי רעגן —
אויף אונדזער חזנטעס קאָמאָד אַ דרייערל געלעגן . . .
אַריינגעגאַן, אַוועקגעלייגט, אַז קיינער זאָל ניט וויסן,
אַזוי אַ וואָך, אַזוי אַ יאָר — געטיילט זיך מיטן ביסן.

ה.

שוין זעקס חדשים מן הסתם, צי אפשר אַלע זיבן,
אַז נעמיראָווער עמוד איז אַ קאַלטער שטיין געבליבן.
און נעמיראָווער רעדל־פירער נעמען אונטערברומען:
„דער חזן — עפּעס נאָר ווי קורח — וואָלט געמעגט שוין קומען.״
און וואָס איז טאַקע קהל אָן אַ קהלישן ברוגז?
און וויפיל דאַרף אַ שטעטל צו צעבלאָזן אַ מחלוקת?
געקומען איז קיין נעמיראָוו אַ חזנדל אויף שבת,
און ס׳האָבן אין געמויזעכץ זיך צעקוואַקעט אַלע זשאַבעס.

דאָס חזנדל, פאַרשטייט זיך, האָט געטאָן אַ טאָפּ אין וואָגן:
אַן עמוד שטייט אַ ליידיקער — פאַרוואָס ניט עפּעס זאָגן?
איז זאָגט עס טאַקע וואָס מע קאָן — און גיי, רב וועלוול, לאָד אים.
עס רודערט זיך אין נעמיראָוו, עס פלאַקערן די צדדים,
אַ נייער צד, אַן אַלטער צד — ווער ווייסט, וואָס ס׳וואָלט געוואָרן,
ווען ס׳גאַנצע געסל ווייבער וואָלט נישט אויפגעפלאַמט מיט צאָרן:
געקומען עפּעס אַ שוואַרץ יאָר, זיך סתם אַריינגעריסן,
און איז שוין פאַרטיק, אויסצוכאַפּן יענעמס לעצטן ביסן.
און שבת נאָכן דאַווענען — דאָס חזנדל דאָס פיינע
געגאַנגען איז אויף קידוש מיט אַ פּאָר חסידים זיינע —
און פּלוצלונג, און פון העלער הויט צעפּראַלט זיך טיר און טויער
און ס׳גרילצן קולות ווייבערשע, אַז פּלאַצן קאָן דאָס אויער.
פוןביידע זייטן געסעלע — אויף גאַניקעס און טרעפּלעך,
מיט תוכחה אין מיילער, און מיט וואַסער פולע טעפּלעך —
אַ גאַנצער שאָק מיט ווייבער האָט ווי אמתע חילות
באַשאָסן אונדזער חזנדל מיט וואַסער און מיט קללות:
„דו הולטיי, און דו שיקסעניק — און חוצפּהניק געמיינער!
נעם טראָג זיך אָפּ פון נעמיראָוו, כל זמן האָסט גאַנצע ביינער.”
און ווי אַ שווערער האָגל זענען ווייבערשע דיבורים
געפאַלן אויפן חזנדל מיט רוגזה און מיט שטורעם.
אַ נאַסער, אַ צעפלאַכטענער איז אונדזער העלד אַנטרונען,
און וויפל מ׳האָט אים ניט געזוכט — מע האָט אים נישט געפונען.

ו.

אַ וואָך פאַר פסח האָט רב וועלוול נאָך גילגולים שווערע,
זיך אומגעקערט קיין נעמיראָוו — שוין גאָר אַן אַנדער פּרי.
מיט וועלכע כוונות און מיט וועלכע באַגערן —
דאָס ווייסט דערווייל נאָך קיינער נישט, דאָס וועט מען שפּעטער הערן.
נאָר מיט זיין קומען האָט דער חזן מיטגעבראַכט סימנים
פון נייע ווינטן אין אַ וועלט, וואָס האָט אַן אַנדער פּנים:
פאַרשוואונדן איז דאָס יידישע, דאָס היימישע קאַשקעטל,
געקומען אין אַ קאַפּעליוש — אַ האַרטער ווי אַ ברעטל.
פאַרביטן די קאַפּאָטע אויף אַזאַ מין לייבצערדאַקל —
אַ מאָדנע קוצעווייטיק, וואָס סע רופט זיך אַן פידזשאַקל.
און שבת האָט דער חזן זיך פאַרפּוצט אין אַ צילינדער —
(אויף שטוינונג פון דער חזנטע, אויף ס'חידוש פון די קינדער),
פאַרפּוצט זיך אין אַ מלבוש פון משונהדיקער פאַרעם:
אַ ווייבערשע ראַטאָנדע מיט צוויי לעכער פאַר די אָרעמס.
איר קענט זיך שוין משער זיין, ווי אויסטערליש און קשה
ס'האָט אויסגעזען אין נעמיראָוו די דאָזיקע הלבשה.
נאָר מילא, וועגן מלבוש קאָן מען איינגיין אויף אַ פּשרה,
וואָס וועט איר אָבער זאָגן אויף דער ליטווישער הברה?

פון אַלטן גוטן „בורעך" איז אַ „ברוך" גאָר געוואָרן!
נו, ווי געפעלט אייך נעמיראָוו? דערלעבט זיך שיינע יאָרן.
אפילו אייגן ווייב און קינד באַטראַכטן מיט פּאַרווירונג
די נייע מעשים, נייע רייד — דעם חזנס גאַנצע פירונג.
וואָס דאַרפט איר מער? וואָס קאָן זיין קלאָרער ווי דער ענין פּסח?
אַז ווייבער זיינען צופיל מקפּיד, צו משוגע — ווייס איך,
נאָר דווקא נישט די חזנטע, דאָך דאַרפט איר זיך ניט שרעקן:
דער טיש אויף פּסח ווערט געדעקט מיט גאַנצע פינף דעקן —
אַ ליילעך אויף אַ זעקל, און אַ טישטעך אויף אַ צווייטן —
אויף פּסח איז ניט שייך זאָגן: צופיל צו פאַרשפּרייטן,
ווייל וויפל זאָלסט ניט שייערן און וויפל זאָלסט ניט רייבן,
קאָנסט קיין מאָל נישט באַוואָרענען, אַז חמץ זאָל נישט בלייבן.
נאָר וואָס ס'איז פריער גוט געווען — איז איצטער אַ לצנות,
מיט ביטול קוקט רב וועלוול אויף דער חזנטעס הכנות,
אַ שמייכעלע פון חוזק טוט אויף זיינע ליפּן שפּילן:
„האָסט מורא, אַז דער טיש, הפּנים, זאָל זיך נישט פאַרקילן."
נאָר יאָ פאַרקילן, נישט פאַרקילן — נאַרישער, צי קליגער,
אדעס האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר — ער איז שוין ניט קיין היגער.

עפּילאָג

געקראָכן זענען יאָרן ווי די פערד אויף שווערע וועגן,
רב וועלוול איז שוין אויפן פערד און אונטער אים געלעגן.
געקייקלט זיך פון שטאָט צו שטאָט — געוועזן אי דאָ אי דאָרטן,
און סוף כל סוף דערקייקלט זיך צו דעם ניו־יאָרקער באָרטן.
אַריינגעפאַלן קיין ניו־יאָרק אין טומל און גערודער,
און אָנגעטראָפן זעליקן — זיין אַלטן גוטן ברודער.
דער זעלבער זעליק שוסטער, און דאָס זעלבע האַרץ דאָס ברייטע,
די זעלבע האַנט די אָפענע און אָרעמס אויסגעשפּרייטע.
אַרומגעכאַפּט זיך און דערקוויקט — און האַרציק ווי אַ טאַטע:
„איז ווי זשע גייט עס, חזן־לעב? — מע דאַרף דאָך ברויט לעת עתה.
אַ גאָלדן לאַנד איז אונדזער לאַנד — קאָלומבוס, לעבן זאָל ער,
נאָר ביזקל וואָס און ביזקל וואַנען — אפשר אַ פּאָר דאָלער?"
און שעמעוודיק איז זעליקס האַנט אין קעשענע געקראָכן . . .
געווירט ביז טרערן האָט געשמייכלט זעליקס אַלטער שכן.

1935 - 1939